STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06399

BARG AROYF

Jacob Brodsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Max and Rebecca Askotzky
AL333
Memorial Library

פארלאג מ. צעשינסקי
שיקאגע : : : 1934
שער־בלאט געצייכנט
פון טאדרעס געלער

Copyright by Jacob Brodsky
Chicago, Ill., 1934

M. CESHINSKY, Publisher
2720 W. Division Street, Chicago

לידער און פּאָעמען

א.

נעכט און טעג

ב.

געבעט און געבאָט

ג.

אָפּענע וואונדן

געדרוקט אין דער פייערסייד פרינטינג
812 וועון ביורען גאס
שיקאגא, איל. 576 ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL CHICAGO

⁂

בארג ארויף, בארג ארויף, נאַקעט און אין וואונדן,
ווי אַ מאַכנע וואָגלענדיקע בעטלער־וואַגאַבונדן —
גייען מיר נאָכאַנאַנד מיט זעאונגען באַלאָדן,
און מיר יאָגן, און מיר פּלאָגן, און מיר בויערן און נאָגן;
און מיר עגבערן און שלאָגן, און מיר ווייטיקן און קלאָגן;
און מיר בלוטיקן און טראָגן, און מיר זאָגן און פאַרזאָגן, —
דורך טיר און דורך טויער, איבער וואַנט און איבער מויער,
און מיר קלאַמערן און האַמערן אריין אין יעדן אויער, —
איבער שטאָדט און איבער דאָרף, און איבער אַלע ווייטע ווייטן;
פאַר דעם היינט און פאַר דעם מאָרגן, און פאַר קומענדיקע צייטן —
דאָס געבאָט פון אַלע דורות: —
ו ו י י אַ ה אַ ו ו ט אַ ־ ל י י ד י י אַ כ אַ ־ ק אַ מ ו י כ אַ .

דעם אָנדיינק
מיין מאַמען.

דער אנדיינק מיין מאַמעס — אזוי ווי אַ קינד
מיט זילבער כאַלוימעס אף פליגל פון ווינט,
מיט דאָרפישער גוטסקייט, מיט שטעטלשן כייז,
קיינמאָל קיין גאַנצע פאַר שיך נישט געזען;
נאַר לידער געזונגען אין הונגער, אין נויט,
פון פרי אין איר יוגנט ביז שפּעט פאַרן טויט
פאַר דאָרפישע מיידלאַך קליידלאַך גענייט;
און ווי אַ קינד, זיך מיט קינדער געפרייט.

נעכט און טעג

א.

מיין שיף
דער ווייסער בער
שוויַג האַרץ מיינס
א נאַכט אין די בערג
אַפֿן בערגל
אַף דיין פענצטער
גאַסן - ליבע
די וואַנט
אנשטאָט א בריוו
בלעטלאך ניו - יאָרק

מיין שיף.

אין זילבער־ווייסן פּערל־שוים
ווארפט דער יאַם.
כוואַליעס רייסן זיך ארוים,
ריזן־גרוים,
פאַלן מיט געשריי צוריק,
רוישנדיק —
אין זילבער־ווייסן פּערל־שוים.

עס גייט מיין שיף אליין איר וועג,
נעכט און טעג.
און כאַטש עס לאַקט מיין אויג דער ראַנד,
און כ'ווארט אויף לאַנד,
דאַך ניט איך צייל, ניט איך פרעג,
פיל נעכט, פיל טעג,
עס גייט מיין שיף אליין איר וועג.

דער ווייסער בער.

א

דער ווייסער בער,
דער צאַפּנדיקער,
האָט די ווייסע פעל זיינע
אַף ווייסע בערג,
אין ווייסן צאַפן לאַנד דערזען.
איז ער אַף אַלע פיר זיינע געבליבן שטיין.
איז ער אַזוי פאַרגאַנגען זיך
אין ווייסן, צאַפּן׳שן געוויין :
א—ל—יי—ן . . . א—ל—יי—ן . . .

טעג, —
פון מאָרגנס בלויע,
ביז זומער־שטילע, דארפּישע פארנאכטן.

טעג, —
פון מאָרגנס גרויע,
ביז פראסטיק־ווייסע שטאָטישע באַנאַכטן,
לויערן אין האָפנונגסלאָזן ווארטן —
טעג.

טעג פון אומעט.
טעג פון עלנט.
טעג פון יאוש.
טעג פון טויט.

אף מאַצייוועס,
ווי אף טליעס שווארצע
פון באַלוימעס אויסגעלאָשענע,
הייננגען יארן;
הייננגען רעגעס;
הייננגען טויטע, אפּגענאַרטע טעג.

נעכט, —
שוואַרצע, קנוילנדיקע,
מיט ראַיוינעס אָנגעצונדענע,
צעפּלאַקערטע,
מיט צעסאַרפּעטע כאַלוימעס.

ס'האָט אַ מענטש ערגעץ,
דאָס אײנגלש גליענדיקע לייב זיינס
מיט צעסאַרפּעטע כאַלוימעס, יאָרן לאַנג גענערט.
געפּייניקט זיך;
די צעפּלאַמטע גלידער זיינע אָפּגענאַרט,
פאַרשעמט, פאַרשוועכט.

נעכט, —
ס'האָט אַ מענטש ערגעץ,
נאַכט איין, נאַכט אויס,
ביז מאָרגנס ווייסע, איינגעשפּאַרט געוואַרט;
נאַכט נאָך נאַכט אַזוי,
אין ווייסער שויב אַריין געטראַכט:

וועסט קומען —
וועסטו אויפדעקן דעם שלייער פון מיין אומעט,
די נאָגנדיקע ביינקשאפט מיינע שטילן;
וועלן אויפשטראלן,
וועלן וועלטן נייע זיך אַנטפּלעקן,
וועסטו אויסמעקן, דאס ווארט —
דעם גרויל פון אלע מיינע שרעקן:
ע——ל——נ——ט——!

נעכט, —
צעסאַרפּעטע, צעיושעטע.

ס'האָט א מענטש ערגעץ, אף זיין געלעגער,
נאַכט איין, נאַכט אויס,
מיט אויגן אָנגעצונדענע, איינגעשפּארט געווארט.

און איבער אים,
און אונטער אים,
האָט ברייענדיק דאס לייב זיינס
מיט טויזנט טייוולשע געלעכטערס,
גיפטיק שטיל געלאַכט:
לילים — דאס ווייב —
די זוינע פון דער נאַכט.

כאַכאַ, כאַכאַ,
נישטאָ קיין מענטש אַזאַ,
נישטאָ !

אַף אָפּגרונטן,
אַף פּעכיק־שוואַרצע, קלעפּעדיקע טאַיווע־שוועלן,
אַף שטויב,
אַף אַש אַף טליענדיקן,
זיך אויפליזן, צעשיטן זיך, צעפּראַלן,
צעפאַלן, צעפאַלן.

וואו איז ער, דער ; —
וואָס וועט זיך קעגנשטעלן ?

כאַכאַ, כאַ כאַ.
נישטאָ קיין מענטש אַזאַ.
נישטאָ !

ב

יאָרן,
רעגנס,
קראַטערס פון באַהאַלטענע וואולקאַנען.
טעג נאָך טעג,
נעכט נאָך נעכט,
וואַכן וואונדיק־רויטע, אָפּגעוואָרטע טרוימען.
ווער וועט אויסלעשן די ברענענדע פאַנטאַנען ?
וו———ע———ר———?

נעכט, —
ווייטע, אויפגעבונדענע,
ווי פון ווייטער וועט צוריקגעקומענע.

ס'האָט אַ מענטש ערגעץ,
אין מיטן נאַכט,
פון העלער הויט, פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט.
פון ווייכן, גלאַטן, אויסגעקנאָטן לייב,
פון ווייב זיך אויפגעכאַפּט.
און איז מיט נאַכטיק, טאַפּנדיקע טריט אַזוי
צום קאַלטן, פּראָסטיק־ווייסן פענצטער צוגעפאַלן
מיט זיין הייסן, גליענדיקן שטערן.

באַרג אַרויף

נעכט, —
בלינדע, שווייגנדיקע,
סוידעסדיקע נעכט.

ס'האָט אַ מענטש ערגעץ,
אין מיטן נאַכט,
פון העלער הויט, אין ווייטער פינצטערניש דערזען —
אויגן צוויי;
שטילע, אומעטיקע, אויגן צוויי.
און אַ קאָפּ האָט ער דערזען,
אַ טונקל בלאָנדן קאָפּ,
און אַ מיידלש לויכטנדיקן פּנים.

נעכט, —
כאַשכעסדיקע,
אין שוואַרצע קיטלען אַנגעטאָנענע,
ווי פון שוואַרצע קוואָרים אויפגעקומענע.

Max and Rebecca Askotzky
AL333
Memorial Library

ס'האָט אַ מענטש ערגעץ,
אין מיטן נאַכט,
פון העלער הויט פאַר זיך דערזען —
דעם זין פון זיין . . .

און ס'איז געווען :
ווי אַ ווייסער כאַלעם, אַ שוין לאַנג פאַרלאָשענער,
וואָס צינדט זיך אָן אַמאָל אין אויסדערוויילטער שאָ,
און בלייבט אַזוי שוין אייביק פאַר די אויגן,
ווי אַ ווייטער לויכטנדיקער שטערן היינגען.

און ס'איז געווען :
ווי אַן אַלטער ניגן, אַ שוין לאַנג פאַרגעסענער,
וואָס ציטערט אויף אַמאָל אין אויסגעביינקטער רו,
און בלייבט אַזוי שוין אייביק וואו אין הארצן,
ווי אָף סטרונעס אַלטע, וויינענדיק זיך וויגן,
קלאַנגן. קלאַנגן.

טעג :
טעג פון אומעט.
טעג פון עלנט.
טעג פון יאוש.
טעג פון טויט.

ג

אַקאָרדן;
אָפּגעריסענע, צעוואָרפענע,
אויף ווערבעס אַלטע,
אויף וואַלדיק-ווילדע, אויסגעקרומטע צווייגן,
אויף בערג און טאָלן
אין איין וויטן עבאַדיקן שאַלן: —
פאַלן, פאַלן.
וואו זאָל איך דעם קאָפּ מיינעם באַהאַלטן,
ווייסער באַלעם מיינער?...

שפּאָט:
שפּאָט פון גאָט.
שפּאָט פון זעט.
שפּאָט פון גנאָד.
קלאַלע פון צעשוימטע, אויסגעקרומטע ליפּן.
האָס פון אַלע אויסגעשפּיגענע.
ס———אַ———ם.

ס׳האָט אַ מענטש ערגעץ,
דאָס וויסטע מאַזל זיינס
דערפירט צום גרונט פון יאָם.

פרייד:
פרייד פון אויסלייזונג,
פרייד פון אויפלייזונג,
לעצטע גסיסע־פרייד.

וואָלסט א זוינע זיין;

פון יענע, וואָס פארלירן זייער מיידלשאַפט
ווי טענצערנס די קנאָפּל פון די שיך.
פון יענע, — וואָס פארברענען זייערע צאַרטע, מיידלשע כאַלוימעס
אף פלויטן ווייטע, ריטמיש־ריטלדיק געפלאָכטענע,
אף אלייען טונקעלע באַהאַלטן,
אין שווייגנדיקע, שטאָטיש גרויסע פּאַרקן.

וואָלסט א זוינע זיין;

פון יענע, וואָס פארלעשן זייער לויטער־ליכטיק גלויבן
מיטן ערשטן ציטער,
פון אַן ערשט צעבליטער מיידלש־אויפגעפלאַמטער ליבע.
און בלאַנקען אום נאכהער, אין קאַלטע הארבסטיקע באַנאַכטן,
אף גאַסן טויטע, ליידיקע, פארלאָזענע,
מיט טרוימען אויסגעלאָשענע אין אייטערדיקע וואונדן,
מיט האַס און גאַל אין אַלע גלידער אַנגעצונדן:
צום אַנבאָט, פאַר איעדן שפּעטן דורכגייער —
פאַר אַ מאַלצייט, און א ווייכן ווארעמען געלעגער.

וואָלסט אַ זוינע זיין;

אַ קינד, — פון יענע אויסדערוויילט באַליידיקטע,
וואס ווערן, לאַכנדיק מיט קאַלטע גליטשיקע געלעכטערס,
טאָג איין טאָג אוים פאַרגוואַלדיקט
פון אַ וועלט, — אַליין אויך אַ פאַרגוואַלדיקטע.
וואָס ווערן נאַכט נאָך נאַכט פאַרסאַמט
פון לייבער העפקערדיק-צעפלאַקערטע, צעפּרעסענע,
פון טאַיוועס קיינמאָל נישט געזעטיקטע;
אַף מיזבייכעס אַפענע, געקרייציקט און פאַרברענט.

וואָלסט אַ זוינע זיין;

און מיט בלייכע, ציטערדיקע, אויסגעשטרעקטע הענט,
אין שווארצער נאַכט ארויסטראָגן
דאַס מיידלש אַפּגענאַרטע לייב דיינס,
צום פּרעס פון אַלע הונגעריקע, קלאַגנדע באַגערן.

וואָלסט אַ זוינע זיין.

ווי וואָלט איך,
די נעכט מיינע די אַנגעצונדענע,
אַף גאַסן פוסטע, לײדיקע צעוואַרפן.
דאַס גאַנצע אויסגעלאַכטע לעבן מיינס
פאַר דיינע פיס, — אַף רעגעס איינציקע צעשאַטן.
און מיט אַ וואָרט אַזאַ, אַן איין-און-איינציקס,
אין שווארצער נאַכט אריין דער וועלט
מיין לעצטע קלאָלע שיקן.

וואלסט א זוינע זיין.

נאכטיק שפּעטער גלאקן קלאנג:
איינס, צוויי. איינס, צוויי.
קייקלען זיך די עכאָס פון די טריט דיינע, די נאכטיקע:
איינס, צוויי. איינס, צוויי...

מיינע וואונדיק־רויטע, טליענדיקע שאָען
ציילן, טריפן. ציילן, טריפן:
איינס, צוויי. איינס, צוויי...

וויקלען זיך, קנוילן זיך,
צוקן, ציטערן די דאַרע ביינערדיקע אַקסלען דיינע;
ציטערן אין ליכט פון בלאסן גאסיקן לאמטערן;
ציטערן און רופן:
גליטערן און רופן: —
זיך איינקלעמען, זיך איינבייסן,
זיך שווייגנדיק צענויפגיסן,
פארגעסן, פארגעסן זיך, פארגעסן.

נאַכטיק שפּעטער גלאָקן קלאַנג:
איינס, צוויי. איינס, צוויי.
דאָס געזאַנג פון אַ זוינע,
וואָס האָט אַף אַ רעגע פאַרגעסן אין זיך;
פאַרגעסן דעם קלאַנג פון אירע אייגענע טריט,
און בלאַנקעט מיט אָפענע קינדערשע אויגן
אין ווייטער, אין פינצטערער, נאַכטיקער טראַכט.
און אין דער ווייטער ווייט,
איבער אַ טויטער, שווייגנדיקער גאַס,
קלינגט אַף איר טראָט —
אַזוי ווי אַ ווייטע גויסעסדיקע טפילע:
איינס, צוויי. איינס, צוויי.
איינס, צוויי. איינס, צוויי.

ש——א——א——א——א——א——א——א——א
אַ קדיישע גייט.

ד

אפן בוידעם הייגט א וויגל, —
ל—י—ו—ו—ל—י—ו—ו—.
וויינט דער ווינט דאָרט אינם וויגל :
ה—ו—הו—ה—ו—הו—.
ס'איז דאס קלאָרע „ווייסע ציגל"
נ—י—ש—ט—אָ—.
נ—י—ש—ט—אָ—.

אף דיין געלעגער,
דורך די לאַנגע בייַנקענדיקע נעכט,
רייסן זיך די מיידלשע באהאַלטענע פארלאַנגען דיינע,
שפּארן זיך די שטומע, טליענדע באגערן
שפּיזן זיך די נאַקעט אויפגעדעקטע בריסטן,
וויינט דאס מיידלש אומבארירטע לייב דיינס.

האָסטו אויסגעשטרעקט אין ווייטער נאַכט אַריין
די הענט דיינע, די מיידלשע;
וועלכע פרייד האָבן די הענט דיינע געפונען?

האָסטו אויפגעדעקט אין שטילן נאַכטיקן געבעט
דיין האַרץ, דאָס קינדערשע;
וועמענס אויער האָט דיין טפילע דען פאַרנומען?

אויף דיין געלעגער,
דורך די לאַנגע בייִנקענדיקע נעכט,
קייקלען זיך די טרערן דיינע נאַקעטע
ווי שטערן ליכטיקע;
קייקלען זיך, פּערלען זיך,
שנירלען זיך אויף באַקן מיידלשע, צערויטלטע,
צוקן, ציטערן און טריפן,
טריפן, טריפן.

ווער וועט אויסקושן די טרער פון דיינע אויגן,
ווייסער כאַלעם מיינער?

ה

בייז האשמאשעס.
אף אַלטע זיידענע פּאַרויכעסן,
אף גאָלד־געשטיקטע מענטאַלאך און מענוירעס אַלטע,
פּאַלן שאָטנס;
פּאַלן לעצטע קופּער־רויטע אוונט־שטראַלן;
פּאַלן פּאַסמעדיק צעשפּרייטע גאָלדן־שנורן;
פּאַלן, וויקלען, קנוילן זיך אין צאָרן
פון פּאַרפּרעמדטער קדושע,
פון באַליידיקטער עמונע.

אפּן פּריפּעטשאָקל ברענט א פייערל:
ברענט אין מידבאר וואו א דאָרן.
ווער וועט אָפּשטעלן דעם לויף פון יאָרן?

ליכטער אָנגעצונדענע אין שווארצע שויבן:
לעצטע ווייסע האָפענונגען,
פונקען גלויבן.
ווער וועט אויסלעשן דעם צאַר פון גלויבן?

צאַר:
צאַר פון זיידעס ווייסע, איינגעבויגענע,
צאַר פון פרומע, צניעסדיקע באָבעס אַלטע,
צאַר פון שווייגנדיק־פאַרפרעמדטע טאַטע־מאַמע.
צאַר פון איינגעשפּאַרטע דוירעס ווייטע,
צאַר פון שטילער, איינגעאָקשנטער עמונע,
צאַר פון טמימעסדיקער קדושע,
צאַר פון גלויבן,
צאַר פון זיין.

אויף דיין פּאָנעם שפּילן טרערן, —
שפּילן ווייטע, פינקלענדיקע שטערן,
שפּילן ווייטע, לויכטנדיקע טרוימען,
שפּילט דער צאַר פון דיינע שטאַמען.

שפּיל פון ליכט בענטשן,
שפּיל פון טייטש־חומעש,
שפּיל פון גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב,
שפּיל פון שאַבעס קוידעש פרייד,
שפּיל פון יאָנטעוו טעג,
שפּיל פון קידעש, זמירעס און האַוודאָלעס,
שפּיל פון מלאווע מאַלקעס.

אױף דײַן מײדלש לױכטנדיקן פּנים
שפּילט די פֿרײד פֿון באַסענעס און בופֿעס;
שפּילט די פֿרײד פֿון צניעסדיקע קאַלעס;
שפּילט די פֿרײד פֿון דײַנע עלטער־עלטער באָבעס.

פֿרײד פֿון שרה.
פֿרײד פֿון רבֿקה.
פֿרײד פֿון רחל.
פֿרײד פֿון לאה.

ס'האָט די פֿרײַע הפֿקר שטאָט
נישט אָפּגעמעקט דעם צאַר
פֿון טױזנט־יעריקע, געקרײציקטע באַגערן.

אױף דײַן פּנים שפּילן טרערן,
שפּילן װײַטע, פֿינקלענדיקע שטערן,
שפּילן װײַטע, לױכטנדיקע טרױמען,
שפּילט דער צאַר פֿון דײַנע שטאַמען.

ו

אמאל איז געווען א מאיסע:

ערגעץ וואו, ערגעץ וואו,
איז א ווארט פון ווייטער ווייט געקומען.
קלאפט אין שווארצער שויב אריין, א ווייסע שא.
ערגעץ וואו, ערגעץ וואו,
בלאנקעט שווייגנדיק א מענטש אזוי ארום —
נישט דארט, נישט דא.

אמאל איז געווען א מאיסע:

איבער ווייטע אויסגעשפרייטע לאנקעס,
אונטער סקאלעס — הייגנענדיקע בערג —
לויפט א ברייטער זאמדיק ווייסער וועג;
לויפט א טייכעלע א רואיקס שטיל אנטקעגן, —
נעכט און טעג.

נעבן טייכל ליגט א שטעטעלע א קליינס..

אמאל איז געווען א מאיסע:

א ווייסער אויסגעקאַלכטער סופיט.
אַף א באַלקן אינדערמיט
הייִנגט א וויג...
זינג מאַמע!
זינג!

אַמאָל איז געווען א מאַיסע:

רויטע אָנגעצונדענע קופּאַלן, —
ב—י—ם—! ב—אַ—ם—!
ב—י—ם—! ב—אַ—ם—!
ערגעץ ווייט אונטערן שטעטל ברענט דער יאַם.
ב—י—ם—! ב—אַ—ם—!
ב—י—ם—! ב—אַ—ם—!
ב—י—ם—! ב—אַ—ם—!
טאַטע־מאַמעס אויגן שווייגן, —
ש—אַ—אַ—! — שטום!
ב—י—ם—! ב—אַ—ם—!
ב—י—ם—! ב—אַ—ם—!

האָט א שוואַרצע פערד אַזאַ, אַף שטעטלדיקע בלאָטעס זיך צעלייגט.
האָט א רויטער האָהן אַף דעכער שטרויענע, צעפּאַכעט זיך, צעקרייט:
ק—ו—ק—ו—ר—י—ק—ו—ר—ו—!
ס'איז קיין לעבעדיקער נעפעש מער נישטאַ,
נ———י———ש———ט———אַ———!

אַמאָל איז געווען אַ מאַיסע:

אפן הויכן באַרג,
אפן גרינעם גראָז,
שטייט דער באַלעגאַלע;
פערד און וואָגן איינגעשפּאַנט,
מיט דער לאַנגער בייטש אין האַנט, —
שטייט דער באַלעגאַלע.

און אַז דו פאַרסט אַוועק.
און אַז דו פאַרסט אַוועק —

קלאַמערן זיך מאַמע־הענט,
אַזעלכע ווייכע, ציטערדיקע מאַמע־הענט, —
לאַסטשען זיך, בעטן זיך,
קלעטערן אַף באַקן,
קלאַמערן זיך איין אין האַלדז־און־נאַקן,
און מיטאַמאָל אַזוי —
אַ מאַמעס שטילער, האַרציקער געשריי:
— מיין קינד! מיין קינד!

ס'האָט אַ מאַמע דאָך פאַרשפּראָכן נישט צו וויינען —
שמייכלען קלוגע מאַמע־אויגן, פול מיט טרערן;
שטאַמלען בלייכע מאַמע־ליפּן, קוים צו הערן:
— מיין קינד! מיין קינד!

אמאָל איז געווען א מאַיסע:

אפֿן הויכן באַרג,
אפֿן גרינעם גראָז,
שטייט דער אַלטער טאַטע, —
אויגן, ווייט ערגעץ פֿאַרטראַכט.
אפֿן שטעקן אָנגעשפּאַרט,
שטייט דער אַלטער טאַטע.

און אַז די פֿאַרסט אָוועק.
און אַז די פֿאַרסט אָוועק, —

האָבן וואָלקנס שטויב
ווי ווענט זיך אויפֿגעהויבן,
דורך פֿערדישע קאַפּיטעס
צו דעם הימל זיך געהויבן.
האָט אַ מענטש אַזוי, מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
איבער שוואַרצע אָפּגרונטן גענומען ערגעץ שוועבן.
און איבער אים, —
אפֿן הויכן באַרג,
אפֿן גרינעם גראָז, —
איז אַ שווייגנדיקער טאַטע,
איז אַ שטאַמלענדיקע מאַמע,
איז אַ קליינינק שטעטעלע געבליבן.

ז

באַרג אַרויף,
באַרג אַראָפּ,
האָבן טעג און יאָרן זיך געקליבן.
טאָג איין, טאָג אויס,
האָט אַ מענטש אַן עלנטער די אויגן אויפגעהויבן,
האָט ער אומעטום פאַר זיך געזען
צוויי ווייטע, אָפּגעטיילטע וועגן:
איינער פירט אין קעלערן פון גאָלד
דורך שוואַרצע היילן,
דער צווייטער — איבער שטיינער־וויסטע בערג —
צו הויכע, בלענדנדיקע פעלזן־שפּיצן.

האָט דער מענטש דער עלנטער געוויילט דעם וועג דעם צווייטן,
און מיט אײנגלשדיקן לייכטזין, אַ טראָט אין וועג געפּעלשט...
און פון די הויכע בלענדנדיקע פעלזן־שפּיצן,
צו די ברעגן פון אַ הייל איז ער געפאַלן...

ביי זיין זייט ליגט אַ שלאַנג
און שיפּעט שפּילעוודיק דעם עמעס אים אין אויג:
ווער עס קריכט אַף פעלזן־שפּיצן ברעכט דעם האַלדז־און־נאַקן,
און אין טיפע שוואַרצע היילן, גלאַנצט דאָס ריינסטע גאָלד...

האָט דער מענטש דער עלנטער,
מיט אַ שטיין אין האַנט, די קאָפּ פון שלאַנג צעשטויסן,
איצט איז דער וועג זיינער,
איצט זיינען זיינע הענט מיט בלוט באַפלעקט.

ח.

אפֿן ראַנד פֿון מײַנע קאַרגע דרײַסיק יאָר,
האָב איך אַלע מײַנע ליכטיקע כּאַלוימעס אויפֿגעהאַנגען.
איצט טראָג איך אום אַ לעבן פֿול מיט עקדעשן און שלאַנגען,
ווי עס טראָגט דער טיגער אין דער צעל זײַנער געפֿאַנגען,
זײַנע טראָפּישע פֿאַרלאַנגען — שטומערהייט.

איצט טראָג איך מײַנע אָפּגענאַרטע טרוימען,
ווי עס טראַגט דער וואַנדערער אריבער אַלע יאַמען,
דעם יאָד פֿון זײַנע שטאַמען — וואו ער גייט.

איצט טראָגט מײַן אומעט מיך בײַנאַכט צום פֿרעמדן טויער,
אַט ווי אַ וואָלף אַ הונגעריקער וואָס שטייט וואו אַף דער לויער,
מיט שאַרפֿן קלעם אין ווייסע בלאַנקענדיקע ציין:
שטיי איך איצט, נאַכט איין, נאַכט אויס,
דעם קאָפּ מײַנעם געשפּאַרט אין קאַלטן שטיין,
און שלינג אין זיך דעם וויסטן יאָמער מײַנעם,
און שטיק אין זיך דאָס עלנטע, פֿאַרגליווערטע געוויין.

דורך מיינע אָפּגענאַרטע טעג
לויערן די שאָטן פון מיין וואַרטן,
ווי עס הויערן אין האַרבסטיקע באַנאַכטן
וויינענדע שאָקאַלן אויפן וועג.

און אין מיין אויסגעלאַכטער פרייד
גליווערן פאַרבאָרגענע באַגערן,
ווי עס גלימערן אין ווייטער נאַכט די שטערן
איבער שוואַרצע הויכן אויסגעשפּרייט.

און אין מיין יעדן ביין און גליד
גליטערן באַהאַלטענע פאַרלאַנגען,
ווי עס ציטערן די לעצטע עכאָ־קלאַנגען
פון מיין נישט דערזונגען ליד.

שוויג האַרץ מיינס.

שוויג הארץ מיינס, שוויג.
דערשטיק דיין וויי אין דיר.
די וואס קאנען היילן שמערץ
מיידן אוים דיין טיר.

שוויג הארץ מיינס, שוויג,
גענוג, נישט מאטער מער.
ערגעץ רייסט זיך איצט אַ קרעכץ,
ערגעץ טריפט אצינד א טרער.

פון אַלטן טאטן מיר דערציילסט,
פון מאמען, פון דער היים.
צי לעבן זיי נאך גאר, — ווער ווייסט?
גענוג, — בלייב שטיל, — ווער שטום!

אַ נאַכט אין די בערג.

אויבן, — שפּרייט זיך אויס אַ יאַם.
וואָלקנס — זילבער־ווייסע וועלן
ערגעץ איילן.
קוקט אַרונטער אַ לעוואָנע שטיל און בלאַס,
פאַלט אַ שטערן וואו אין רוים.

אונטן, — דרימלט שטיל די נאַכט.
רוקן, שפּרייטן זיך פון ווייטנס
לאַנגע שאָטנס.
הערט זיך ערגעץ וואו אַ טרויעריק געזאַנג,
קלאָגט זיך עמיץ אין דער נאַכט.

אויבן, — ברעכט דער מאָרגן אויס.
רויטלען, קייטלען זיך די וועלן
אין די שטראַלן.
ווערט דער מיזראַך איינגעהילט אין כוואַליעס גאָלד,
שווימט די זון פון יאַם אַרויס.

אונטן, — טאָלן, פּורפּור־בלוי.
צינדן שפּיצן בערג אין יאַמען —
גאָלדן־שטראַמען.
ציען פּאַסן זיך אין שנורן, פייער רויט,
גלאַנצט דער טאָל אין זילבער טוי.

אַפֿן בערגל.

אפֿן בערגל — גראָזן גרינע,
און אַ הימל אָזאַ ברייטער.
קומען יעדן טאָג באַגינען
מיינע טרוימען — קלאָר און לויטער.

שוועבן שטילע מיינע טרוימען —
קומען פֿרילינג־ווינטלאַך צאַרטע,
און פֿאַרטראָגן זיי צו דיינע
טיר און פֿענצטער צוגעמאַכטע.

טיר און פֿענצטער צוגעמאַכטע,
מיינע טרוימען אָפּגענאַרטע,
וואַרטן טעג, וואַרטן יאָרן, —
גייען אײנס נאָך אײנס פֿאַרלאָרן.

אַף דיין פענצטער.

אפֿן פֿאַרהאַנג פֿון דיין פענצטער
שוועבט דיין שאָטן אום,
ווי אַ דינער פרילינג כאַלעם
שפּילט ער זיך ארום.

איך קלעם זיך איין מיטביידע אויגן —
זיכער, דאָס ביסטו.
אַ פוייגעלע ז׳פֿאַרביי געפלויגן,
דו ביסט מער נישטאָ.

איך קלעם זיך איין מיט ווילדע אויגן —
ליבסטע, — הער מיך צו!
אפֿן פֿאַרהאַנג פֿון דיין פענצטער
זיצט אַ שווארצע קראָה...

אפֿן פֿאַרהאַנג פֿון דיין פענצטער
קוק איך וויסט און שטאַר,
און זע ווי פֿון דער ווייטער פינצטער
קוקט אַף מיר מיין צאַר.

גאַמען־ליבע.

פון ווייטן האָט געלאָקט אַן האַלדז־און־נאַקן,
און ס׳האָבן ווי גערייצט זיך קורצע, שוואַרצע לאָקן.
איז אַ מענטש פון גאַס געוואָרן ווי צעטראָגן —
זי אָפּשטעלן, דערזאָגן.

האָט ער קלוימערשט זי גאָר צופעליק געטראָפן.
האָט מיטאַמאָל אַזוי אַ שניט געטאָן אַ שאַרפן
אַ פרייד אַזאַ, ווי בלאַנקענדיקער שטאָל,
אַזאַ, וואָס שניידט אַדורך אַלע גלידער מיטאַמאָל.

האָט אַ רגע זיך געראַנגלט
אויג מיט אויג.
האָט דער מענטש פון גאַס זיך שטיל געטאָן אַ נויג —
„האַו־דו־יו־דו !״

האָבן פאַרשנדיק אַ מאָסט געטאָן אים
אויגן גרויסע צוויי —
„הו־אַר־יו ?״

האָט אַ ברי געטאָן אין האַלדז מיט הייסן בליי —
„וואַי ?״
געדיינקסט זי דען שוין מער ניט יענע נאַכט ?
דאָרט און דאָרט . . .

האָבן וועלטן צוויי אַ לייכטן בליץ געטאָן.
האָט אַ שמייכל פון אַ ווינקל זיך אַ גליטש געטאָן —
„סאָ, יו רימעמבער סטיל?"

„ה־ם־ם, ווי איינער וויל."
האָט דער מענטש פון גאַס ווי זיך פאַרענטפערט שטיל.

האָבן זיך געפּלאָנטערט נישט געקלעפּטע רייד;
און צווישן ניט דערערדטן וואָרט און ניט דערזאָגטן מיין
איז געהאָנגען שטום אַ מענטשנס לעצט געוויין —
„פאַרשעם מיך ניט."

האָבן זיך געפּלאָנטערט נישט געקלעפּטע רייד;
און צווישן אויפגעקנוילטן פּיין און נישט אַנטפּלעקטער פרייד
איז געהאָנגען שטום אַ מענטשנס לעצט געבעט —
„פאַרשטויס מיך ניט."

האָבן זיך געפּלאָנטערט נישט געקלעפּטע רייד;
האָט מיטאָמאָל אַזוי אַ פּאַטש געטאָן — „איטס געטינג לעיט."
און ווי אַ הונט וואָס רייסט זיך אַמאָל אָפּ ערגעץ פון קייט,
אַזוי האָט זיך אַ וואָרט אַזאַ געקאָרטשעט און געדרייט
און ווי פון זיך אליין, פון שטאַמלענדיקע ליפּן זיך אַראָפּגעשיילט —
„ליבע."

האָבן זיך אַ שנור געטאָן צוויי שורעס ווייסע ציין.
האָט גלייך אין האַרץ אַ זעץ געטאָן אַזאַ מין שאַרפער „ניין."
האָט אַ שמייכעלע אַ שליינגלדיקס געבוויזעקט שטילערהייט —
„טו לייט, מיי באָי, — איטס טו לייט".

האָט ערגעץ וואו אַ קלינג געטאָן אַ לויפנדער טראַמוואַי.
האָט אין דער נאַכט אַ זינג געטאָן אַ מיידלשער „גוד ביי!"
איז אינמיטן גאַסיקן געטומל,
צווישן שטאָל־געשריי און גרילצנדיקן שטיין
אַ מענטש אַזאַ געבליבן איינאַליין.

האָט אַ גליענדיקער שטראָם זיך ווי אַ ריס געטאָן.
האָט אַ מענטש פון גאַס זיך ווי אַ צינד געטאָן.
האָט ווי אַ ביס געטאָן אַ ווילדער אור־פאַרלאַנג —
אַ כאַפּ טאָן זי ווי אַן אָראַנג־אוטאַנג;
אַרומנעמען דעם מיידלש שוואַרצן קאָפּ,
און מיט ביידע הענט אַזוי אים טאָן אַ דריי אַראָפּ.
און לאָזן זיך מיט ווילדן מאַלפּעשן געוויין —
וואַלד אוים וואַלד איין.

די וואַנט.

אין מיין צימער איז אַ פענצטערל פאַראַן.
איז פון פענצטערל אַ שפּאַן —
אַ גרויע וואַנט פאַראַן.
און שאָטנס לאַנגע, שפּיצעכיק און קרום
קריכן אויף דער גרויער וואַנט אַרום,
און קוקן אין מיין פענצטערל אַריין
טאָג אויס טאָג איין, טאָג אויס טאָג איין.

פרילינג קומט און פאַרגייט,
און אַן גליק, און אָן פרייד,
קוקן שאָטנס שטומערייט —
טאָג אויס טאָג איין, טאָג אויס טאָג איין,
אין מיין פענצטערל אַריין.

פאַר מיין פענצטער איז אַ גרויע וואַנט פאַראַן.
איז פון דער גרויער וואַנט אַ שפּאַן —
אַ גרויסע וועלט פאַראַן.
און יאָרן לאַנגע, אומעטיק און גרוי
קריכן סטאַם אַזוי ;
און פאַרמיעסן די רעגעס פון מיין זיין,
טאָג אויס טאָג איין, טאָג אויס טאָג איין.

אַנשטאָט אַ בריוו

איך וועל שוין קיין בריוו ווייזט אוים קיינמאָל ניט שרייבן,
נישט ענטפערן קיינעם אַף כאַווערשן גרוס;
סיי ווי וועט דאָס הארץ מיינס, דערשטיקט פון פאַרדרוס,
אין נאָגענדער בייַנקשאַפט שוין אייביק פאַרבלייבן.

סיי ווי וועט מיין וואָרט, מיט דער פען אויפגעשריבן,
נישט ברענגען קיין אָפּקלאַנג, קיין עכאָ־באַגלייט —
פון איינעם וואָס האָט זיך צום פליען געגרייט,
און איז אַף אַ בוים ערגעץ הייַנגען געבליבן.

טאָ זאָל זיך פאַרלעשן אין יעדן זיקאָרן
דער נאָמען פון איינעם — האַלב איד און האַלב הייד;
וואָס שלעפּט נאָך זיך נאָך אַ שטיק אייטערדיק לעבן,
און קלאָגט אַף פאַרלוירענער כאַווערשער פרייד.

איך וועל שוין קיין בריוו ווייזט אוים קיינמאָל ניט שרייבן,
נאָר בייַנקשאַפטן כאַווערשע שווייַגנדיק קלייבן.

בלעטלאַך ניו יאָרק.

א

אַט אזוי, אַט אזוי, —
שפּאַלטן טעג מיינע זיך אָפּ פון מיר.
רעגנעסווייז, איינס נאָך איינס,
ווי ראַקעטן ליכטיקע, ווי סנאָפּעס ליכט
אין שוואַרצער נאַכט אַריין פון עמיצן צעצונדן —
פאַלן אָפּ, פאַרשווינדן.

נאַכט.
אומעט גרויער, עלנט.
יאוש שווייגנדיקער לייגט זיך פאַר מיין טיר, —
און גוט איז מיר, און וואויל איז מיר
אַז אין מיין בייַנקשאַפט, אין מיין איינזאַמקייט דער שטומער
לויכטן אויף, צעוויקלען זיך פאַר מיר
בלעטלאַך נאַקעטע, בלעטלאַך ליכטיקע, ווייס פּאַפּיר.
ריין, —
ווי דאָס לייב פון א יונגפרוי
ווען זי בלייבט מיט איר געליבטן איינאַליין.
ווען זי בלייבט אזוי פאַרטאַיעט אינם קלאַמער פון זיין האַנט,
ווי ווייס און ציטעריק בעטגעוואַנט
פאַרטאַיעט זיך אין ערשטער נאַכט פון יונגע כאַסן־קאַלע.

אָט אזוי, אָט אזוי, —
ווי די ווייטע זיידעס מיינע, די באהאַלטענע מאַראַנען,
גרייזן ווייסע, איינגעבויגענע, אויסגעטאָן אינגאנצן שווין פון זיך,
מיט דעם קלאַנג פון כצאָס, מיט דעם טרויער פון דער וועלט
באהאפטענע, באַכיינטע,
ביז דער לעצטע רעגע זייערער אין גאָט אין איינציקן פארגלויבטע.

אָט אזוי, אָט אזוי, —
וועל איך אויך מיסטאָם ביז ווייסטער גרוי
ווי אַלע:
אַלע קייטלינגלעך, אַלע רינגלינגלעך, אַלע וויגלינגלעך,
וואָגלינגלעך פון יאָוונע ביזקל שפּאַלע,
וואנדערער פון אייביק אָן
וואָס האָבן זיך אַליין שווין לאַנג פארשפּילט אין קאָן
און ראַנגלען זיך פאַרפּלאָנטערטע אַרום אין קאַפּאָקעלע,
וואָס האָבן נאָך ביז איצטער זיך ניט אָפּגעשיידט פון גאָט
און שלעפּן אים אף זיך אזוי ווי אַ קלאָלע.
וואָס טראָגן שווייגנדיק פון גאָס דעם שפּאָט
וואָס שטיקט זיי ווי געשטאַנק פון אַ נעוויילע.
וואָס שעמען נאָך ביז איצטער זיך, מיט זיך, — פאַר זיך אַליין,
אין אַ וועלט אזא פון לויטער גזיילע.

אַט אַזוי, אַט אַזוי, —
ווי אַ קינד אַ קליינס מיט בלאָנדע הערלאַך געלאָקטע,
פאַרשפּילט אַמאָל זיך ווייַנענדיק אין וויגל נאָך דער מאַמען,
אַזוי וועל איך אויף שורעלאַך, אויף אייסיעס געטאַקטע
דעם אָטעם מייַנעם איינוויגן אין גראַמען.
אַזוי וועל איך דעם אומרו מייַנעם פלייסן זיך צו צאַמען.
זאָל דאַכטן זיך: עס איז דאָס ליד דאָס ווייטע,
דאָס איינזאַמע געבעט דאָס נאַכטיקע,
דאָס באַהאַלטענע געוויין פון מייַנע שטאַמען
וואָס קייקלט זיך ביז איצטער נאָך אויף אַלע זיבן יאַמען.

ב

פאַראַן אַ בוים
וואָס זיין וואָרצל שלאָגט אין טיפעניש פון יאַם,
און זיין קרוין פאַרמעסט זיך
איבער אַלע וויטקייטן פון רוים.

זיינע צווייגן —
אור־געוועבן, פאַרפלאָנטערטע כימערן,
פאַרנעפּלטער פּראָצעס פון ווערן,
איינסאָפיקע מיסטעריע פון בייַרייִשים.

זיינע בלעטער —
ליכט און שאָטן, עכאָ קלאַנג פון סאַמע ערשטע צייטן,
רעפלעקסיעס פון נעכט און טעג
אין בייַנקשאַפטן נאָך אויסגעשפּרייטע וויטן.

פאַראַן אַ בוים אַזאַ
וואָס הייסט דער בוים פון לעבן.

פאַראַנען טעג
וואָס קומען אַן ווי בלודנע שאָף פאַרביינקטע.
טעג פון קראַנקער ליידנשאַפט,
אַן ווידערשטאַנד,
פון אויסגעשעפּטן ווילן.

טעג —
ווען גרויער אומעט קייקלט זיך ווי שווערע שטיקער בליי
אָף דעכער קרומע, שפּיצעכיקע.
אָף שווייגנדיקע שטאַטיש־קראַנקע ביימער,
אָף יעדן צווייג און בלאַט.
און בלייבט אַזוי אין שאַטנדיקע, טונקעלע פאַרנאַכטן
דורך האַלב פאַרמאַכטע, זון־צעגליטע פענצטער
אָף די גלידער פון אַ מענטשן ערגעץ ליגן.

טעג —
ווען צאַר און צווייפל קלאַמערן זיך איין אין דער נעשאַמע
און לאָזן נאָך זיך שוואַרצע, בייִנקענדיקע נעכט —
אָף פייכטע, טוי־באַדעקטע שויבן הייגען.

אין יענע טעג
פלאַצן אײנציקװײז די שטײנער אַף די סקאַלעס.
בױמער שפּאַלטן זיך אין טיף פאַרצװײַגטע װעלדער;
זאַנגען רײפע, אָנגעלאָדענע,
שטײען דורשטיקע צעעפנט אַף די פעלדער;
כאַיעס ליגן דאָן פאַרטאַיעט אין די גראָזן —
װאַרטן אַף באַהעפטונג.

אין יענע טעג
פאַרלאָזן פרױען שװײַגנדיק די הײמען.
מיט שטילע טריט אַזױ װי נאַכטיק שטילע טרױמען
װאַנדלען זײ אַף שאָטנדיקע װעגן,
מיט כאַלױמעס קינדערשע אין האַלב פאַרמאַכטע אױגן.

אין יענע טעג
צינדן אין דער לופטן זיך כאַלױמעס פון בײַרײשים.

מיר האָט זיך געכאַלעמט אַזאַ מין כאַלעם:

אַף שוואַרצע שויבן,
פּייכטע און מיט אוונט־טוי באַצויגענע,
פּאַלן לאַקן;
פּאַלן מיידלשע צעשאַטענע
ווי יונגער פרילינג־צוויט פון ערשט צעוויגטע צווייגן
אַף צאַרטן מאַד־געוועב אין ווילדן וואַלד פאַרבאַרגן.

אַפן בערגל
ווינגט זיך שטיל אַ בוימעלע אַ קליינס.

פון שוואַרצע אויגן,
צאַרטע און אין בייגקשאַפטן פאַרהוילענע,
שפּאַרן בליקן;
שפּאַרן קינדערשע דערשראָקענע
ווי ערשטער מאָרגן רויט אַף טונקעלע אוזאָרן
אין קאַלטע ווינטערדיקע פראָסטיקע קאַיאָרן.

אַפן בערגל
ווינגט זיך שטיל אַ בוימעלע אַ קליינס.

א וויים געשטאַלט, —
א דורכזיכטיקער, גאָלד־געוועבטער שלייער,
הענט — אויסגעשפּרייטע שוועבנדיקע פליגל צוויי
הויבן מיך ארויס פון מיין געלעגער,
פירן מיך, טראָגן מיך —
פון לויטערקייט צו לויטער, פון זויבערקייט צו זויבער,
אין א וועלט אזא פון דינעם דימענטענעם צויבער.

אפן בערגל
וויגט זיך שטיל א בוימעלע א קליינס.

א ציטער, —
א שטילער, אויפגעוועקטער, קינדערשער געפּלאַטער.
א פונק אן אויפגעבראַפּטער
אין א וויטן, אויפגעדעקטן, ניי־אַנטפּלעקטן רוים,
ווי דאס קלעטערן פון יונגע מוסקלדיקע גלידער
אף ווינט צעוויגטע צווייגן פון א בוים.

אפן בערגל
וויגט זיך שטיל א בוימעלע א קליינס.

מיר האָט געכאַלעמט זיך
אַ רוף אַ פריידיקער, אַ שפּילעוודיקער שלאַף געשריי
צערייסט די נאַכט;
פּילט אַן די פּינצטערניש מיט קינדערשן געלעכטער, —
אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט;
ווי שטילער ווינט געדויש, ווי פאַלנדיקע בלעטער,
ווי דאָס פינקלען פון אַ שטערן אין דער נאַכט.

מיר האָט געכאַלעמט זיך
אַ קוש אַ זאַפטיקער ווי רויטלאַך־שוואַרצע קאַרשן.
אַ רואיק, רעגלמעסיק, איינגעהאַלטן כראָפּען,
ווי דאָס רואיק רעגלמעסיק סאָפּען פון צוויי אויסגערוטע הירשן
אין שאָטן פון אַ באַרג ערגעץ אַ הויכן,
ביי די ברעגן פון אַ רוישנדיקן טייכל.

אָפּן בערגל
ווינגט זיך שטיל אַ ביימעלע אַ קליינס.

מיר האָט געכאָלעמט זיך
אַ שוואַרצער קאָפּ —
אַ מיידלשער געלאַקטער,
מיט אויגן צוויי —
ווי אָפּגרונטן צוויי אָפּענע
אין טונקעלן באַגינען.

מיר האָט געכאָלעמט זיך
אַ פּאָנעם —
אַ דורכזיכטיקער, בלאַסער,
אַזוי ווי אַ ווייסע זילבערנע לעוואָנע
אין שפּיגל פון אַ ברונען.

גאָט! —
פאַרלעש ניט איצט אין כאַשכים פון דער נאַכט
דאָס העלע ליכט פון מיינע אויסגעביינקטע שאָען.

ג

רייד, —
ווי אז־יאשיר פויגעלאך
אין פרום־שאבעסדיקע שטעטלשע פארנאכטן,
פיקן אוים די לעצטע ברעקלאך קאשע,
און לאזן נאך זיך שיסלען ליידיקע, פארגליווערטע,
ווי קראנקע אויסגעפיקטע הערצער שטומע
אין א קאלטן ווינטערדיקן דרויסן, —
שטיין אוןווארטן.

***

און ס'איז געווען —
ווען לעצטע האפענונגען
ווערן איינציקוויים ווי וואלקנס רויך צעטריבן.

און ס'איז געווען —
ווען האס און פיין
ווערן נאכאנאנד אין מענטשנס איינגעווייד געקליבן.

און ס'איז געווען —
ווען א מענטשנס זיין
ווערט מיט אייגן בלוט אף אייגן לייב געשריבן.

און ס'איז געווען —
אַז אַ מענטש אַן עלנטער, אַן איינזאַמער,
אַז אַ מענטש אַ היימלאָזער, אַ פריינטלאָזער,
האָט אין אפּגעזונדערטקייט פון זיך אַליין;
אין אפּווענדונג פון זיינע ענגע דאַלעד־אַמעס,
אין אָפּשפּיגלונג פון טויזנט זוכנדיקע בעטלער־אויגן,
פון טויזנט מאָנענדיקע הונגער־בליקן,
אין טויזנט פּענימדיקער קראַנקער ביינקשאַפט, —
צום ערשטן מאָל אין אנגסט אָפּ זיך אַ קוק געטון,
זיך אַליין אַ נאַקעטן פון קאָפּ ביז פיס דערזעהן
אַ הוילן, — אין ווייסע אייטערדיקע, וואונדיקע געשווירן.

און ס'איז געווען —
אַז אַ מענטש אַזאַ
האָט אינמיטן העלן ליכטיקן בייטאָג,
אין מיטן גאַס פון גרויס־שטאָט דעם „איך" זיינעם פאַרלוירן
און אַט אַזוי, אַז האָפנונג, אַז גלייבן
האָט שוין דער קאָפּ זיינער אַליין פון זיך
פאַר פרעמדע טריט מיט שווייגנדיקן ביטל זיך געבויגן.
און וואונדיק־וואויל, און גרויזאַם־גוט
איז אים, דעם עלנטן אין דער גרויסער שטאָט געוואָרן.

ס'איז געווען אַ זוניקער סאָף יולי טאָג.

אַ טאָג אַזאַ —
ווען פּולרום־גאַיס און פלעפּערינס פּאַרגעסן זיך צו ווערמפּן.
קאָרטן שפּילער לאָזן אַף די טישלאַך זייערע קאָרטן,
מואַווי־לייט צעלויפן זיך אין דאַרפישע געצעלטן,
רייכע דאַמען ליגן דאָן אין העמאַקס אַף רעזאָרטן
און קוויקן זיך מיט גיפטיקע נאַרקאָטן.

אַ טאָג אַזאַ —
ווען שרייב־מאַשינקעס הערן אויף אַף שרייב־טישן צו קלאַפּן.
ביכער אָפענע ווי בעלמעדיקע אויגן
ליגן שווייגנדיק מיט דינעם שטויב באַצויגן.
אויפשריפטן אַף אַלע אָפיס־טירן
זאָגן אָן: „היינט וועט מען קיין מיסכער דאָ ניט פירן".

אַ טאָג אַזאַ —
ווען מענטשן לאָזן זיך פון שטאָט ווי פון אַ טרייפע
מיט נאָז־לעכער צעעפנטע און מיט פאַרשפּיצטע ברעמען,
מיט העלדזער טרוקענע, מיט הייסן דורשט אין גומען,
אַף אַלע וועגן, ראַטעווען דאָס לעצטע שטיק פאַרמעגן —
דאָס אייגן לייב און לעבן.

אין יענע טעג
פארלירן מאַמעס פון די אָרעמסטע קווארטאַלן
די פּיצלאַך קינדער זייערע —
אַף טראָלי־קארס, אַף על־צוגן געפּאַקטע,
און אין סאַבוויים אָנגעשטאָפּט ווי לעמער צו דער שכיטע,
אין איילעניש צו יעדן ברעג,
וואו נאָר אַ צוטריט ערגעץ נאָהענט נעבן יאַם.

אין יענע טעג
לאָזן זיך געשעפטס־מענטשן און גענגסטערס
אין נייע בלאַנקענדיקע, גרויסע לימוזינען —
מיט אַ קלאָלע צו דער שטאָט אַף זייערע ליפּן,
מיט ווייב און קינד און פודל־הונט אינמיטן —
אין די געבערג, צו קילע שאַטנדיקע זומער־היימען.

אין יענע טעג
באַוועגן זיך די ארבעטער ווי שאָטנס ביי מאַשינען.
לייבער שווייסיקע, פּיס ווי שווערע קלינען,
שעלטן שוין דעם טאָג נאָך פון באַגינען.
הענט געשוואָלענע, געאַדערטע פּרוזשינען,
הענט, וואָס פּלאַטערן קעסיידער ווי די בינען,
פאַלן אָפּ, ווילן מער נישט דינען.

אין יענע טעג
איז מיטן אויפבראַד פון א קוויטיקן, גרויס־שטאַטישן פאַרטאָג —
פון ערגעץ וואו אַ וואַנדערער געקומען ;
אַ גייער, און אַ נאָמען.

ד

בויג זיך קאָפּ מײַנער.
נויג אָפּ, מידער, אײַנגעשפּאַרטער, וואָגל־וואַנדער טראָט.
סאַלוט! —
א דורכגייער, א וואַנדערער א פרעמדער,
פון ווינטן וועלטישע אין וואָגל־וועג געטריבן,
איז אליין מיט זיך אין שאָטן פון א בוים ערגעץ געבליבן.
שטום, אזוי ווי א שטיין
וואָס ליגט ערגעץ אינמיטן וועג אליין,
אזוי איז ער געבליבן דאָרטן ליגן.
געקוקט אָף זיך, געשוויגן,
אזוי ווי עס קוקט אָף זיך א כאַיע
וואָס האָט אין שפּיגל פון א וואַסער זיך צום ערשטן מאָל דערזען
און נישט דערקענט איר אייגענעם געביין.
אזוי ווי א הונט א היימלאָזער
וואָס דערשרעקט זיך פּלוצים פאַר זיין אייגענעם געוויין,
און בלייבט אזוי פאַרגליווערט אין דער נאַכט
אַנטקעגן דער לעוואָנע שטיין.

גאָט! —
ווי נישטיק קליין
עס ווערט אמאָל א מענטש ביי זיך אליין.

פּרעמד.
הימלאַזע, פּאַרשאָלטענע.
ווי אַפּגעהאַקטע קעפּ צעשפּאָלטענע,
ווי היפּטלאַך קרויט צעטראַטענע פון ווילדע פּריירי־אָגערס.
וואַלגערן זיך נעכט מיינע צעשאָטענע
אַף פּרעמדע שטאָטישע געלעגערס.

ווי נישט פּאַרנומענע געבעטן, פּאַרשפּעטיקטע,
ליגן רייד מיינע פאַרשוויגענע;
ווי אַפּגעמעקטע טריט פּאַרשפּיגענע,
פּאַרשפּאַטיקטע אַף שטויב באַרעקטע בעטן.

רייד.
פּאַרשפּראָכענע, געמיינטע.
ווי ערשטער פּרילינג־צווייט;
ווי ווייסער שניי געפאַלענער,
און ווי קראַנקע בלעטער האַרבסטיקע
פון אַן אַלטן דאַרבנדיקן בוים,
ווערן אומעטום —
פון בלינדע וואַגל־פים צעטראָטן.

גרויט מיין ליד.
גרויט אין ליב מיינעם מיט רויע ערדישע באַגערן;
פוילט אין טוכלען איינגעשפּארטן יערן פון מיין גוף,
און ווי אַ קראַנקער זעט פאַר זיך דעם טויט זיינעם אין שלאָף,
אַזוי זע איך פון מיינע טעג דעם סאָף.

טעג מיינע, —
אַף שווארצע, רוישנדיקע, אומבאַקאַנטע סקווערן.
מיט קאַלטן שוויים איבער אַ רויט צעפּלאַצטן שטערן.
מיט טראָפּנס סאַם אין בראַנד־צעצונדענע געהירן.
שאַפּלדיקער שפּאַנען איבער פרעמדע טירן,
און פּיס אַזוינע — רויע, אָפענע, צוויי וואונדיקע געשווירן,
בלייבן שטיין, ווילן זיך פון קלעפּיקן אַספאַלט נישט רירן.

טעג מיינע, —
אַף ווענן שטאָטישע צעטראָטענע.
נעכט מיינע, —
אַף גאַסן שטיינערנע צעשאָטענע.

איך האָב געזען אייך
מיט געל־צעגליטן זשאַווער אַף די ברעמען.
מיט שטאַטיש־וויסטן מידבאַר־דורשט אין גומען.
און מיט אַ האַס אַזאַ,
ווי דער, — פון אַ הונגעריקן וואָלף אַ שטומען.

איך האָב געזען אייך
מיט דעם לעצטן גרילציקן געלעכטער
פון אַ גויסעסער היענע.

איך האָב געזען אייך
מיט ווייסן שוים צעפּינעטן אַף קראַנקע פּיבערדיקע ליפּן.
הענט — געהאַמערטע, פאַרברוינטע,
פּים — געקלאַמערטע, צעקרומטע,
קעפּ אַף קעפּ;
ווי פון שטיינער אויסגעהאַקטע שליינג געקנוילטע.
אונטער בריקן און אין פּאַרקן קאַלשע,
איבער ביינק און אונטער ביינק
ווי סטאַדעס פּי אין שלאַכט־הייזער צעלייגט.
אַף אַלץ, אַף אַלעמען געגרייט.

נעכט מיינע, —
ווי שוואַרצע פּאַסן
איבער וואַנזיניק צעאַקערטע גרויס־שטאָטישע טעראַסן.
יאושדיקער שפּאַנען איבער טויטע גאַסן.
אַ קויטיק העמד איבער אַ לייב — פון שווייס און לייז צעפרעסן.
אַ קאַלטער שטיין, אַ כאָוועך און אַ נאַכט־לעגער אין דרויסן.
אַ מיסט־קאַסטן מיט אַלטן קרויט פּאַרשימלטן — .
ברויט, טאָרט, רעשטלאַך פון אַן איבערפולטער סודע.
אַ הורדע לייבער קרעציקע —
ציין, נעגל, פּיילן שפּיציקע
אין איין ווייסטן, וואיעגדיקן קריצן.
און אויגן גרינע
אַזוי ווי דינע, אויפגעפלאַמטע כאַלעף־בליצן.
מענטש, ראַץ,
האַלב צעפּוילטע איפּעשדיקע קאַץ,
שטומער, נאַכטיקער, גרויס־שטאָטישער געראַנגל.
ה ו נ ג ע ר, ל ע ב ן.

איך האב געטראכט:
אז וואויל איז דעם וואס האלט דעם קאפ זיינעם צו דרערד.
און זעט די פרייד פון זונען־אויפגאנג ניט,
און ניט דעם צאר פון שקיע.

און צען מאל וואויל, און צען מאל גוט,
און בעסער נאך איז דעם
וואס שטילט זיין הונגער מיט א פארטער־סטייק,
און לעשט זיין דורשט מיט קאקא־קאלא.

איך האָב געטראַכט:
אַז אַ מענטש האָט שוין די לעצטע פרייד זיינע אַף װעגן שטויביקע צעטראָטן.
אַז זיינע נעכט האָט ער װי הויפנס לייז אַף פרעמדע נאַכט־לעגערס צעשאָטן.
אַז זיינע טעג בלאַנקען זיך אים נאָך װי הונגעריקע מייז אונטער די פיס,
אַז זיין אייגן לייב איז אים אַליין װי אַ קויטיק העמד שוין מיעס.

— אַז אַ מענטש אַזאַ
הויבט אויף אַמאָל אינמיטן נאַכט זיין קאָפּ,
און דערזעט זיך אַזוי איינגעגנורעט ליגן
אַף אַ שװעל אַ פרעמדער פון אַן אומבאַקאַנטער צוגעמאַכטער טיר —
אַט װי עס ליגט ערגעץ אין רינשטאָק
אַ דורכגעװייקט צעקנייטשטער שטיק פּאַפּיר.

אַז אַ מענטש אַזאַ
דערזעט זיך שוין אַליין
ביים ראַנד פון אַלע סאָפן,

איז גוט אַזוי —
ווי אַ טרעמפּ אַ היימלאָזער
אין שוואַרצער נאַכט אַף קלויסטער־טרעפּ זיך וויגן.
אַזוי ווי אַ דורכגעפּוילטער וואָרצל פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים
לעשן זיך אין האַרבסטיק קאַלטן רעגן.
דויערן —
אַזוי ווי אַ לעצטער וואָלקן אַ פאַרגליווערטער
אין ווייטן כאַשכעסדיקן רוים.

איז גוט אַזוי —
ווי אַן אָקס אַ ניט דערשאַכטענער,
אַף טויטער גאַס אַ שניט טאָן אַזאַ ברילנדיק געוויין.
פון העלער הויט זיך אָפּרייסן פון זיך אַליין,
צעשיטן זיך אַזוי ווי אַן אָפּגעהאַקטער שטיין,
פאַר טעמפּן עכאָ־קלאַנג פון ווייטע איילנדיקע טריט —
אַף שוואַרצן, שאָטנדיקן, שטאָטישן געביין.

איז גוט אַזוי —
ווי אַ ווייטער שטערן אַ שוין לאַנג פאַרלאָשענער,
מיט אויגן אָפּענע זיך איינקלעמען אין ווייטן, שוואַרצן כאַלעל
און אין אַ שפּעטער הונגעריקער נאַכטיק קאַלטער שאָ
בלייבן דאָרט פאַרגליווערט אַזוי הייננגען.

ה.

שלאָג!
טאָג מיינער.
שטום איין! האַלבער, פּערטלדיקער, אייכאַ־קלאַנג.
ווי לאַנג, —
ווי שווער און באַנג קאָן נידערן אַ מענטשנס קאָפּ;
ווי טיף דאַרף זינקען דער וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ
שפּאָט און האַס,
געשריי פון גאַס,
געוויין פון מענטשנס ערדישע געבאָטן?
רייד מיינע, —
נישט איר וועט דאַך דעם הונגער מיינעם זעטן.
נישט איר וועט דאַך דעם ווייטיק מיינעם שטילן.
גענוג!
גענוג פאַר פרעמדע אויערן די וואונדן מיינע ציילן.
גענוג ביז איצט מיין אייגן לייב מיט וואָגל־רייד געשניטן;
סיי ווי, — שפּעט צו פרי,
עס האָט נאָך קיינמאָל קיינער ניט די שטראָף זיינע פאַרמיטן.
און בליען, בליען וועט שוין קיינמאָל ניט דאָס בלאַט
וואָס ליגט ערגעץ ביים ראַנד פון וועג צעטראָטן.
אומעט מיינער, — קלאָגן זיך איז נאַרעש,
קלאָגן זיך איז מיעס,
קלאָגן איז פאַרבאָטן.

איך בין דער נאר
וואס לאזט זיך איינוויקלען אין קאלטע נעכט,
אין ווייסע שלייערן פון זילבערנע לעוואנעס.
און אין פרימארגנס גרויע,
אין א קאלטן, רעגנדיקן, אומבאקאנטן דרויסן,
וויינען אף מיין טאעס.

איך בין דער נאר
וואס לאזט זיך איינוויגן אין פאלשע רייד,
און שטילערהייט ביינאכט ווען קיינער זעט ניט,
אף שווארצע ווענט פון פרעמדע אומבאקאנטע מויערן
ווי אין טויבע אויערן, —
ארייניקריצן א פרעמדן מענטשנס אויסגעבייגקטן כאלעם
ווי דעם נאמען פון א ניי געבארן קינד.

איך בין דער נאר
וואס לאזט זיך אומברייננען פאר פרעמדע זינד.

גע‍בּעט און געבּאָט

בּ.

געבּעט
גייען מיר
די וואַסער־פּרוי
פון פּראָלעטאַריער צו פּראָלעטריער
אָקטאָבּער
זון פון שוואַרצע גריבּער
דערקענטניש
פּראָסטע רייד
מאַסעסטשוזעטס נאַכט
אין ליכטיקן אויפשטייג
אַף דזשאָנס טויט
געבּאָט

געבעט.

און די, —
פאַר וועמען אַלע טויערן פון לעבן שטייען אויפגעפּראַלט,
די, — פאַר וועמען לעבנס ווערן אומגעבראַכט,
פאַר וועמען צאַר פון ביינקשאַפט,
צאַר פון גלויבן ;
ליבע, —
איז אַ מאַיסעלע פון טויזנט און איין נאַכט.

די, —
פאַר וועמען רייפע, אויסגעביינקטע, ליכטיקע כאַלוימעס,
געשריי פון בלוט ;
געוויין פון יעדן גליד און ביין, באַגער, —
זענען בלינדע גלי־ווערים אַזוינע
וואָס צינדן טאַיוועס בלויז פאַר פרעמדן לייב.

די, —
וואָס שטייען נאַקעט־אומרייניגע פאַר אונדז,
וואָס האָבן לאַנג פון זיך שוין אָפּגעטון
דעם לעצטן פונק,
דעם לעצטן טראָפּן בושה,
ווי געשווירן קרעציקע פון אַ גיפטיק קלעפּיקער ירושה.

די, —
וואָס האָבן זיך אַליין אָף זנות באַדעקטע בעטן
ליינג אוים דעם לאַנד,
פון איין ברעג ביז צום צווייטן;
אין האָטעלן פּראַכטיקע,
בורדעלן נאַכטיקע,
באַזויפּענע, פאַרשפּיגן און פאַרלאַכט.

די, —
וואָס האָבן שוין פון לאַנג אין זיך דעם מענטשן אומגעבראַכט.

העלף אונדז גאָט ! —
זיי זאָלן ווייטער אויך אַזוי זיך פירן.
— די זאַטע, אויסגערוטע גלידער זייערע,
די פעטע, אויסגעבעטע, אימפּאָטענטע לייבער
נישט אויפהערן צו זאַלבן און צו שמירן.
פרעד און אָפן פאַר דער גאַרער וועלט פּראָסטיטואירן,
און ביז דעם לעצטן טאָג זייערן, דעם וויסטן,
אין גאָלד, אין איידלשטיין זיך צירן,
פּאַרפיומירן זייערע געזעסן ;
און אָט אַזוי פאַרפאַנצערטע אין שטיינערנעם געוויסן,
נישט וויסן דעם אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט,
און נישט דאָס אָנקומען פון יענער גרויסער מאַכט
וואָס שלאָגט און רייזלט אין געדערים לײדיקע,
וואָס קנוילט אַראָפּ פון פּנימער באַליידיקטע,
יענער שטומער אויפגעוועקטער האָס —
וואָס שיסט אַרויס פון אויגן אָנגעלאָדענע מיט סינע.
וואָס שוימט אַראָפּ פון ליפּן בלייך פון קינע.
וואָס פלאַקערט אויף אין אונדז מיט יעדן קלעם,
מיט יעדן שאַרפן מעסערדיקן שניט,
מיט יעדן ווייטעקדיקן הונגער־קראַמף.
ווי דער אויפבראַך פון אַ קאַלטן האַרבסטיקן פאַרטאָג
נאָך אַ לאַנגער, וואַנזיניקער, וואָגל־נאַכט.

גייען מיר.

מיט הענט און פיס אין וואונדן נישט פארבונדענע,
מיט קעפ געבויגענע, פאראקשנטע,
מיט איינגעשפאנטן אומרו אין יעדן גליד.

מיט האפענונגען אין הערצער אנגעצונדענע,
געלייטערטע דורך דוירעס אומגעקומענע,
געהייליקטע אין אויסגעפרואווטן האס.

גייען מיר, —
אף אפגרונטן פון קיינעם נישט באטראטענע,
נישט פארשטאנענע, באשפאטענע,
שווייגנדע אין גליענדיקן צער.

גייען מיר, —
אף כורוועס וויסטע, אומעטום פארבליבענע,
אף בערג מיט אש פון אויצרעס לאנג געקליבענע,
אף ברידער קווארים —
און אף בלאנקענדיקע נאקעטע יעסוימים.

גייען מיר, —
אַף זיך אַליין, אַף גלידערווייז אין העפקער־וועלט צעשאָטענע.
אַף טאַטע־מאַמע קעפּ אין רינשטאָקן — צעטראָטענע.
צעוואָרפענע פאַר הונגעריקע הינט און קראָהען שוואַרצע —
איבער וויסטע, שטעטלדיקע מערק פאַרלאָזענע.

גייען מיר, —
פון צייטן לאַנג אין אייביקייט פאַרשוואונדענע.
אין צייטן ווייט, צו אונדז נאָך נישט געקומענע.
צו מאָרגנס ווייטע, ליכטיקע, פאַרשפּראָכענע,
אין כאַשכעס איינגעהילט.

און איבער אונדז: —
מיט פויסטן אויפגעהויבענע, פאַרבלוטיקטע,
מיט ציין און נעגל איינגעקלאַמערטע,
פאַרביסענע אין העלדזער נישט געזעטיקטע
מיט פרעמדן בלוט און שוויס.

איבער אונדז: —
גייט אויף דער צאַר פון קויכעס טיף אין קעלערן פאַרבאַרגענע.
מיט טעמפּן וויי, —
מיט לעצטן אויסגעשריי פון העלדזער נישט דערוואַרגענע:
נישטאָ קיין גאָט! — קיין אויסלייזער נישטאָ!
זאָל פּלאַקערן די לעצטע העפקער שאָ.
זאָל אויפגיין אונדזער נויט!

איבער אונדז: —
אין וואונדן רויט,
ווי כוואַליעס אָפענע אָף לעבן און אָף טויט,
גייט אַ וועלט.

די וואַסער־פּרוי.

ביי די ברעגן פון אַטלאַנטיק, ביי דער שוועל פון גאָלדן לאַנד,
דאָרט וואו מויערן, שאַרף־קאַנטיק, שניידן אָפּ דעם הימל־ראַנד;
דאָרט וואו הייזער זיך דערהויבן ביז צו שווינדלדיקער הויך,
און דער הימל, שוואַרץ און קויטיק, טויוולט זיך אין וואָלקנס רויך;

דאָרט וואו שטיין־געהאַקטע טורעמס קיטלען וואַנט אין וואַנט זיך איין,
און מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס שפּאַנט דער טויט אין שטוב אַריין;
דאָרט וואו לעבנס זיינען העפקער, פריי צו יעדן טאַליענס האַנט,
ביי די ברעגן פון אַטלאַנטיק, ביי דער שוועל פון גאָלדן לאַנד...

יעדן ליכטיקן פרימאָרגן, פאַר דעם אויג פון יונג און אַלט,
שטייגט פון וואַסער אויף אַ מעכטיק, ריזיק, וואַסער־פרוי געשטאַלט.
יעדן ליכטיקן באַגינען, ביי דעם ערשטן מאָרגן־שפּראָץ,
שטייגט זי לאַנגזאַם אויף פון נעפּל און פאַרנעמט איר אייגן פּלאַץ.

אין דער רעכטער האַנט אַ פאַקל, אין אַ קרוין — איר קאָפּ געפּאַסט.
אָקסלען שטאָלצע, אויפגעהויבן, ליפּן — שטריינג צענויפגעפּרעסט.
אין דער רעכטער האַנט אַ פאַקל, אין דער לינקער קלאַמערט פעסט
דאָס געבאָט פון אַלע צייטן: „ליב דעם צווייטן ווי זיך זעלבסט".

איז א מאַיסעלע געבליבן פון די ווייטע, אַלטע טעג;
אין דעם מויל פון פאָלק געקליבן, און געשליפן זיך אין וועג...
— עס איז געווען, אַז דעם רייכן איז געוואָרן ענג די וועלט,
און אַף בערג מיט מענטשן־קנאָכן האָט ער טליעס אויפגעשטעלט.

און צו רויב און מאָרד און גזיילע האָט געמעכטיקט זיך די ערד,
און די טריט פון דעם גערעכטן האָט פאַרוויסט די שאַרף פון שווערד.
דאַמאָלט האָט פאַר קאַוואַליאַכל זיך א מאַלעך אויפגעשטעלט,
און גערעכטיקייט געפאָדערט פאַר דעם מענטשן אַף דער וועלט.

איז גרויס און שטאַרק געווען זיין טיינע, שאַרף און קלאָר, דעם מאַלעכס רייד
ס'האָבן אַלע זיך אין הימל אי געשראָקן, אי געפרייט.
הער, דו האַר פון אַלע וועלטן, דו וואָס טיילסט איין פרייד און פיין,
דו,— וואָס האָסט דעם מענטש געפורעמט, ער זאָל אין דיין פורעם זיין;

דו וואָס האָסט די ערד באַשאַפן זי זאָל שפייזן גרויס און קליין,
איז דען מעגלאַך אַז דיין אויער איז איצט טויב צום מענטש'ס געוויין?
איז דען מעגלאַך אַז דו זעסט ניט און פאַרנעמסט גאָר ניט דעם צאַר
פון דעם בעטלערס בלאַסן פּאָנעם ביי די פיס פון שטאָלצן נאַר?

קוק אַראָפּ און זע דיין שאַפונג, ווי עס וואַלגערט זיך אין שטויב —
דאַווקע דער וואָס היט דיין צעלעם, דאַווקע דער וואָס ווייכט פון רויב.
וואו איז דיין צוזאָג, גאָט געהרעכטער, צו דער שאַפונג פון דיין האַנט :
„זאָלסט זיך פרוכפּערן און מערן און זאָלסט אָנפילן דאָס לאַנד״ ?

א, גרויסער האַר פון אַלע וועלטן, איז נישטאָ שוין מער קיין אָרט
וואו עס זאָל זיין קאָפּ באַהאַלטן דער וואָס היילט האַלט דיין וואָרט ?
איז נישטאָ שוין מער קיין ווינקל וואו דער מענטש זאָל פון דאָס ניי
אָנהויבן אַ פרידליק לעבן, וואָס זאָל זיין פון גזילע פריי ?

האָט גאָט דער האַר זיין קאָפּ געבויגן און אַ טרער געלאָזט אין רוים ;
איז פון דער טרער אַ לאַנד געוואָרן, אַ גאָלדן לאַנד אין שוים פון יאַם . . .
און צו יענעם גוטן מאַלעך וואָס האָט זיך פאַר אים געשטעלט,
אַ באַפעל האָט מען געגעבן : היט און שיץ די נייע וועלט.

און געקומען איז דער מאַלעך אין דער וואַסער־פרוי געשטאַלט,
און די ליכטיקע בסורע איבער גאָר דער וועלט צעשאַלט.
און גערופן האָט ער יעדן וועמען עס ווערט דערשטיקט אין נויט ; —
קום ! דו מענטש, און בענטש דאָס לעבן; קום, און עס מיט פרייד דיין ברויט.

און געקומען זיינע מאַכנעס פון דער גאַרער, ברייטער וועלט
אין דעם גאָלדן לאַנד דעם נייעם, פון אַ נייער זון באַהעלט.
אין דעם גאָלדן לאַנד דעם נייעם, פול מיט אויצרעס, פול מיט פּראַכט,
האָט דער מענטש זיין לעצטן כאַלעם און זיין שענסטן טרוים געבראַכט.

נאָר דער אויסגעפּרואווטער סאָטן נישט פאַרפעלט האָט דאָך מיסטאָם
אויך אין גאָלדן לאַנד דעם נייעם, איינטריפן אַ טראָפּן סאָם.
און דער סאָם האָט זיך געטאָפּלט, און דער סאָם האָט זיך געמערט,
ביז פאַרוויסט איז אויך געוואָרן פון דעם גאָלדן לאַנד די ערד...

— — — — — — — — — — — —

איצט שטייט די וואַסער־פרוי שוין יאָרן, קערט דעם קאָפּ צום לאַנד נישט אום.
אויגן פול מיט צאַר און צאָרן קוקן וויט ערגעץ און שטום.
אויגן פול מיט צאַר און צאָרן שניידן דורך די ברייט פון יאַם,
און עס דאַכט זיך ווי זי כאַלעמט נאָך ביז איצט איר אַלטן טרוים.

נאָר ביינאַכט, ווען קיינער זעט ניט, און עס רוען מענטש און שטיין —
רייסט זיך אָפּ פון יאַם אַ וואַיען, אַזאַ ווילד און שטום געוויין.
און עס עפענען זיך אויגן, און עס קלאַמערן זיך הענט,
און עס קייקלט זיך אַ קלאַלע איבער שטיין געהאַקטע ווענט.

פון פראָלעטאַריער צו פראָלעטאַריער.

ווי פון אייזן און פון שטאָל
האָט פון ערגעץ מיט אמאָל
אזוי א הילך געטאָן דאָס קאָל:
פון פראָלעטאריער צו פראָלעטאריער.

האָבן זיך די הענט מיינע
צענויפגעדריקט אין וואפן,
האָט זיך מיר א ריס געטאָן פון האלדז א פריידיק רופן:
שטייט אויף, איר אלע ווער ווי שקלאפן!

נאָר מיין אויג
האָט ווי אומזיסט געזוכט א צייכן...
ווי דעם יאָנטעוו אין מיין הארצן צו פארשוועכן,
האָט א טויבע נאכט געשפרייט א וועג, א בלייכן.

האָט א הונגעריקער הונט
פאר מיר געבויגן זיך אין דרייען;
האָט מיט אים איינעם זיך געוואָלט מיר וויינען, שרייען,
אונדז — וועט קיינער ניט באפרייען...

אָקטאָבער.

א

דאס העלע ליכט, —
וואָס האָט אויפגעהעלט פון העלער הויט
ביים ראַנד פון טויט,
און אַף בערג מיט אַש פון טליענדיקער נויט
אַזוי זיך האַפערדיק צעשטראַלט.

די העלע פרייד, —
וואָס איז אויפגעגאַן צום ערשטן מאָל
אַף באַרג און טאָל,
און דורך פלאַם און רויך און בלאַנקענדיקן שטאָל
אַזוי זיך בעדוועדיק צעקנאַלט.

דאס העלע ליד, —
וואָס האָט אַ וויג געטאָן די גאַנצע וועלט,
און פאַר יונג און אַלט,
דורך מילי־מיליאַסיקן שווייסיקן טראַט
אַזוי זיך יובלדיק צעשאַלט.

דער וועלטישער יאַנטעוו, —
וואס האָט מיט בליציק־צעפּאַכעטע פּליגל
אַף רויך פון פאַבריקן און סטעפּ־קאַראַוואַנען,
אַף ווייטע פאַרלאָזענע איינזאַמע שיפן
און שניידנדיק־סווישטשענדע, לויפנדע באַנען,
אַף גאַסן־טראַמוואַיען,
אַף שטאָטישע מיסט־וואַגנס איבער פאַרשטיקטע אַלייען,
אין טויזנטער פינצטערע אַרבעטער היימען —
מיט פריידיקן אימפּעט זיך העליש צעצונדן,

נישט אונזערער איז אָט דער יאַנטעוו.

נישט אונדז געהערט דאס ליכט.
נישט אונדז געהערט די פרייד.
נישט אונדזערס איז דאָס ליד.

נישט מיר האָבן אין טעג פון געלייטערטן אומקום,
מיט טרוקענעם, בייניקן, שפּיציקן קנאַכן,
פעסטונג נאָך פעסטונג געבראַכן.

נישט מיר האָבן אין טעג, פון טויט און פאַרוויסטונג,
אין הונגער־געשוואָלענע, לײדיקע בײכער,
ווילן פון מאַסן געצייטיקט.

נישט מיר האָבן אַף אײביק מיט ציין, און מיט נעגל,
הערשאַפט פון יאָכיד באַזײטיקט.

נישט מיר גייען איצטער מיט גאָט אין די אויגן,
אַף ברייטע צעעפנטע וועגן.

נישט מיר טראָגן פאָנען — צעפלאַטערטן גלויבן,
דעם ליכטיקן יאָנטעוו אַנטקעגן.

ב

— ! מיר
אין אַלע ווינקאַלאַך אַנטרונענע,
אַף אַלע רינשטאָקן צעשוואָומענע,
ווער פון אונדז קאָן אויפהויבן אַ האַנט זיך צו באַשיצן
קעגן הונגעריקנס ווײ געשריי,
און קעגן זאַטנס קינעדיקן ציינער־קריצן —
„גענוג, פּאַסקודנער איך אַף אונדזער קאַרק דיר זיצן״ ?

— ,מיר
וואָס זענען אין טאָג פון מענטש־דערלייזונג,
אַף זייטיק געזיבערטע זעטיקע וועגן,
מיט קרעמערשן נייגער אין האַרצן געלעגן ;

— ,מיר
וואָס האָבן אין טאָג פון וועלט־באַפרייאונג,
פון אַלע עק־וועלטן מיט גיריקע אויגן,
צום שמאַלציקן טאָפּ זיך געצויגן ;

— ! מיר
וואָס האָבן פון לאַנג שוין די אייגענע לובעס,
אין בלינדן געראַנגל פון דוירעס צעבראָכן,
און ווי די הינט פאַר דער גאָלדענער צויג
אַף הינטערשטע פיסלאַך געקראָכן ;

ווײ צו אונדז.

אין אונדזערע ווינקלען, —
לויערן ביז איצטער נאָך
די שוואַרצע שאָטנס פון אונדזער נעכטן און אייערנעכטן.

אין אונדזערע אויערן, —
קלינגט ביז איצטער נאָך
דאָס געקלאַנג פון צדאָקע טאַציל מימאָוועס.

פאַר אונדזערע אויגן, —
וויקלט זיך ביז איצטער נאָך
דער אייביקער זייכער לעכורבן.

מיר! —
פון זיך אַליין באַשפּיגענע, צעטראָטן,
אין אַ וועלט אַזאַ:
אַ גויסעסע אין טעגלאַכע באַנקראָטן,

ווי צו אונדזן!

מיר האָבן אליין אונדזער ליכטיקן גלויבן
אַף קלאַנג פון מאַטבייעס פארביטן,
און ווי די בעטלער — א קערנדיק לעבן
אַף פעניצלאַך קאַרגע צעשניטן.

מיר האָבן אליין אונדזער לויכטנדיק גורל
אין וועלטישן כאַאָס דערטרונקען,
און קלאַמערן איצט זיך מיט אייגענעם שאָטן —
אין זאַטע טאַכלייסים פארזונקען.

איצט וואַרגן מיר זיך מיט דעם אייגענעם עקל
אין שטויביקן ווינקל פארשטויסן.
ווי מאַכנעם פאַרוואַרלאָזטע, הילפלאָזע קנעכט,
אין טאָג פון א יאָנטעוו א גרויסן.

פאַרשאַלטענע, —
אין אייגענער אומרו אַף אייביק פאַרפּלאַנטערטע.

מיר ! —
וואָס פילן איצט אַז די טישלאַד פון אַלע קאַבאַרעטן און שאַנטאַנען,
וואָס קלאַפּן איצט אוים אונדזער עלנט מיט שוימיקע גלעזער,
וואָס פּויקן איצט אוים אונדזער אומעט
אַף נאַקעטע פּלייצעס פון שיקערע זוינעס.
מיר, — פון ערגעץ ניט, און מיר פון אומעטום, —
וואָס שאַרן זיך אום אין פאַרטאַגיקער גרויקייט
מיט עקל און בליי אין די ביינער ;
צו אייביק פאַרמאַשקנטע פּריידלאַזע שטיבער,
צו אייגן שוואַר־לייביקע ווייבער און קינדער,
צו קנייפּן דעם אייגענעם נאַפּל פאַר לאַנגווייל.
נישט מיר ! —
נישט מיר זיינען זויכע צום יאַנטעוו.

זון פון שווארצע גריבער

שיין ביסטו, זון פון שווארצע גריבער,
מיט דיין נאַקעט אויפגעפּראַלטן שוים;
ביסטו דער ווינט פון ארבעטסלאָזע שטיבער
וואָס טרייבט די נויט פון שטוב אין גאַס ארוים.

שטאַרק ביסטו, ברודער מיינער, ליבער,
מיט דיין קנאַביק־שטאַלענעם געביין;
ביסטו דער שטאָלצער, אויסדערוויילטער גיבער
וואָס זינגט דאָס ליד פון אייזן און פון שטיין.

דו, — נאָר דו, ברודער מיינער, טרייער,
אין דיין אַלטן וויַיבערישן יאַק;
ביסטו דער העלד, דער איינציקער באַפרייער
פון צילינדער־הוט און שווארצן פראַק.

יאָ, — נאָר דו, ברודער מיינער, כאַוועער,
מיט דיין העפקער אויסגעשטעלטער באַק;
ביסטו דער ריז, דער קעמפּער אונדזער בראַווער,
דיר געהערט די וועלט מיט האַק און פּאַק.

דערקענטניש.

שוואַרצע עפּענונגען
אין גרויע, טונקעלע, גרויס־שטאָטישע קאַיאָרן.
דאָ און דאָרט, אַזוי ווי אַ צאָן אַ שפּיציקער,
בייסט זיך איין אין מאָרגן גרוי אַ געל עלעקטריש ליכט;
בייסט זיך איין אַזוי מיט איינגעקלעמטן ציטער,
אַזוי ווי אַ כאַיע וואָס האָט מאָרגן־רויב דערשפּירט.

רויב: —
פון אויפגעוועקטע, אינגלשע פאַרלאַנגען.
נישט דערזונגענע געזאַנגען
פון אויפגעקוועלטע מיידלשע באַגערן.
שטילער צאַר פון טרערן, —
טעג און נעכט אין ביינקשאַפטן פאַרשלאָסענע;
פון כאַלוימעס, לאַנג אין סוועט־שעפּער פאַרלאָשענע;
פון לעצטע רעגעס אויסגעביינקטער רו,
אין פאַרטאָגיק גרויער איילענדיקער שאַ.

ווי אַף עמיצנס בייזוויליקע, אַלמעכטיקע באַפעלן,
ווערן לייבער פון געלעגערס אויפגעהויבן.
נישט דערדרוטע,
מיט כאַלוימעס נישט דערכאַלעמטע אין האַלב פאַרמאַכטע אויגן;
מיט האַלבן דרימל אַף די ברעמען נאָך פאַרצויגן,
ווערן מענטשן האַרדעסווייז געשטויסן און געטריבן
ווי סטאַדעס פי פאַר האַק-פּלייש,
אין ברייט צעעפנטע גיגאַנטישע וואָקזאַלן,
אין גערעדים שטאַלענע, פאַרשלונגען און צעמאַלן
אין איינגעווייד פון שווארצע, אונטערערדישע טונעלן.

און ערגעץ וואו, —
אין אַ גרויער בעלמעדיקער, אויסגעקלאַפּטער שאָ.
אַף גרויסע טומלדיקע, שטאַטישע פאַבריקן,
אין שמעלץ-אויוונס, אין שאַכטעס און אין מילן,
און אין שלאַכט-הייזער וואס איפעשן פאר מיילן;
צום לעצטן פייף פון שווארצע, סטארטשנדיקע קוימענס
ווי הונגעריקע מאַנסטער-העלדזער אויסגעצויגן,
מיט אַ לעצטן, אָפּגעהאַקטן געניע, — אויסגעשפּיגן.

טעג, —
טעג פון איינגעשפּאַרטן, פיבערדיקן קלאַפּן,
פון ראָד און רעדלדיקן ריטמישן געדריי.
טעג פון שניידיק־גרילצנדיקן, שטאָלענעם געשריי,
פון פּאַסן־רימענעם געפּלוידער און געפּלאַפּל.
טעג פון דינעם, דימענטענעם, בליציקן געצאַפּל,
פון שרויף און שרייפלדיקן, שווינדיקן שוואַרץ־אַפּל, —
טעג פון שאַפּן.

ווער וועט אומקערן דאָס האָב און גוטס,
פון מיענדיקע הענט דאָס שקלאַפּן?

אויף אָנגעשטריינגטע, מוסקלדיקע אַקסלען.
אויף שטייפע, אַדערדיקע רוקנס און אויף נאַקנס —
וואַקסט די נויט.
וואַקסט די אָרעמקייט אין האָפנונגסלאָזן יאוש;
וואַקסט אַ קינע.
וואַקסט אַ קנוילנדיקע, גיפטיק־שוואַרצע סינע;
וואַקסט מיט טעג און יאָרן,
וואַקסט מיט איינגעזאַפּטן, ברויזנדיקן צאָרן.

און אין קאַמערן, אַף ריגלען צוגעמאַכטע,
און אין קעלערן, פאַרשלאָסענע, באַוואַכטע,
און אין מויערן, אין שפּייכלערס ביז צום פּלאַצן —
וואַקסט די שעפע;
וואַקסן הורדעס גאַנצע, רודעס גאָלד.

גאָלד, —
גאָלד אַף געשניצטע, קרישטאַלענע ווענט.
גאָלד אַף געצערטלטע, שניי־ווייסע הענט.
ווי מיראַזשן ווייטע; אויסגעבלאָנקטע,
שוועבנדיקע גאָלדענע באַלאַנען.
גאָלד אַף אויסגעהאַקטע, שטיינערנע קאָלאָנען,
גאָלד אין בלענדנדיקע, ליכטיקע סאַלאָנען,
פון קויכעס לעצט־דערהאַלטענע,
דערשעפּט, פאַרשוווענדט,
ברענט אַ דורשטיקייט, אַ גיפטיקע אַזאַ,
ברענט און בלענדט.
בלענדט און ברענט.

באַ ——— !
ס'האָט אַ מענטש אַזאַ,
אין מיטן העלן ליכטיקן בייטאָג,
אינמיטן גאַס פון גרויסשטאָט, אָפּגעשטעלט זיין טראָט.
מיטביידע פיס אַזוי אויף העפּקער זיך אוועקגעשטעלט.
און מיט אויגן אָפענע, צעפינטלטע, דערוואַכט, —
אויף קרישטאַל געשניצטע, גאָלד באַדעקטע ווענט,
אויף ווייסע, אויסגערוטע, דורכזיכטיקע הענט, —
די שווערע מי זיינע דעריקענט.

פּראָסטע רייד.

א.

מיר וועלן ריידן פּראָסטע רייד,
רייד — ווי שאַרפע שערן:
מיר ווילן ברויט, שוך און קלייד,
דעם רעוואַך און דעם קערן.

מיר זאָגן צו די ווייכע הענט,
וואָס צימבלען אַף געפילן —
ס'האָט די נויט אונדז אויסגעלערנט
אין גראָבן זיך־פּלייש צילן...

מיר ווילן אייער וואויל־געפעל
אַף אונדזער קאַרק נישט טראָגן.
ס'פּלאַצט סיי ווי שוין אייער פעל,
טאָ גייט, צו אַלדי קלאָגן.

מיר ריידן איצט אַ פּראָסטע שפּראַך;
מיר כאַפּן נישט קיין פליגן:
די, וואָס האָבן נישט קיין זאַך,
וועלן מוזן ק ר י ג ן .

ב.

זיי קומען שוין פון גאר דער וועלט
די אויסגעפּרואווטע יאטן,
מיט ליענינס ווארט אין בלוט צעהעלט,
צעצונדענע הארמאטן.

פון אומעטום הילכט אף דער רוף:
איין עמעס, גרויס און ליכטיק,
דער וועג איז קלאר, דער ווילן שארף,
סערפּ און האמער — ריכטיק.

סערפּ און האמער — איין געשריי!
פון אומעטום זיך טראגט עס: —
סטיוו קאטאוועס, העלן מיי,
סאקאס און וואנזעטיס.

סערפּ און האמער, שווערד און שפּיז,
פלאטערט רויטע פאנען!
ס'איז דער אויפגעוועקטער ריז,
דער קעמפער אן א נאמען.

שטייט אויף, איר זין פון יעדן לאנד,
איר אלע ווער ווי שקלאפן;
מיט א זעקסטל וועלט אין האנט —
האידא, צו די וואפן.

מאַסעטשוזעטס נאַכט.

אַף פּולערס שטערן רינצלען זיך איצט קנייטשן,
ווי לאַנגע, אויסגעפּלאַכטענע, דין־ריטלדיקע בייטשן
פון פּיוריטאַנישן־פּלאַנטאַטארישן איכעס —
איבער נאַקעט, ברוינע, אויפגעשטעלטע פּלייצעס,
אַף די רוקנס פון די קינדער וואַמפּאַנאַהאַס.*

אַף דעם פּאַנעם זיינעם וויקלען זיך איצט זאָרגן
פון אַ העל צעפלאַמטן, דראָענדיקן מאָרגן,
ערגעץ וואו, אין כאַשכעס נאָך פאַרבאָרגן.

נישט פון פּילגרים פאַטערס,
פון מיי־פלאַווער די ערשטע פּיאָנערן,
שפּאַרן זיך מאַכשאַוועס איצט ווי שפּיזן אין זיין מויאַך;
נישט מיט גאָט־זוכער גערוידעפטע פאַרמעסט ער זיך אין קויאַך.

פאַר די אויגן זיינע
וויקלען זיך פאַנאַנדער איצט צאַוואָעס
פון בלאַנדע, יאַדערדיקע, עלטער־עלטער־זיידעס:
אַף אומבאַשיצטע וועגן פּענסלווייניס;
אַף פרעמד באַזעצטע ברעגן מיסיסיפּיס;
ביז אַרויף צו, ביי די שוועסטער קאַראַליינעס;
ביז צום זאַמדיק־וויסטן מידבאַר אַריזאַנעס.

---

* וואַמפּאַנאַהאַ איז דער אינדיאַנער שייוועט וואָס האָט געלעבט אין ניי־ענגלאַנד איידער די ווייסע זענען אהין אַנגעקומען.

זענען טעג אַזוינע בלוטיקע פאַרלאָפֿן:
עס זענען פעלדער זוניקע געלעגן פריי און אָפֿן
פאַר יעדן איינציקן די שפּיכלערס אַנצושטאָפּן.
זענען זון־פאַרברענטע גאָלד־זוכער געקומען.
זענען פרום־פאַרביינקטע גאָט־בעטער געקומען
מיט ווילדן וואַנדער־ווינט אין אויפגעשפּיצטע ברעמען;
מיט וויסטן מידבאַר־דורשט אין אויפגעפּלאַצטן גומען
אַף ווייסע זעגל־שיפֿן יאַמען דורכגעשוואומען.
מיט שווערד און ביקס דאָס לאַנד אַדורכגעשניטן;
אַף לייבער נאַקעטע, טאָג איין טאָג אויס געריטן
ביז קופּעס פלייש זענען אַנטקעגן זון געלעגן
פאַר וועלף, און רויב־פויגל צום פרעסן.
אין מען אַף די רויב־זעק דאַן געזעטיקטע געזעסן,
גאָט אַלמעכטיקן זיין כיילעק לויב געגעבן,
צוואָעס פאַר די קינדס־קינדער געשריבן.

און אַזוי האָט מען מיט שאַרף פון שווערד געשריבן:
„דער וואָס האָט מיט גאָטס גענאָד,
צום ערשטן קלאַפּ די האַנט זיינע דערהויבן,
דער וואָס האָט רויט־הויטיקע פון אייגן לאַנד פאַרטריבן,
דער וואָס איז אין לעצטער שלאַכט מיט שווערד אין האַנט געבליבן,
דער זאָל אויך דער הערשער פון דעם גרויסן לאַנד פאַרבלייבן.“

אזוי איז אין די אַלטע פּארמעטן פארשריבן;
אזוי איז פון די אור־זיידעס דער הייליקער פארשפּרעכן;
אזוי זאָגט אויך די נעגערטע, די אַלטע קעכן,
וואָס איז נאָך מיט'ן זיידן זיינעם, אים צו לאַנגע יאָרן,
אַף שווארצע שקלאַפן־מערק ארומגעפאָרן.

— אַ העלד, זאָגט זי, געווען דער זיידע דיינער.
דעם שטאַרקסטן קנעכט פלעגט ער אַ טרייבער טון די ביינער,
פלעגט יענער ווי אַ שעפּס צו זיינע פיס זיך לייגן.
אַ ניט האָט ווער געוואָגט אים שטיין אנטקעגן?
נאָר איך, ווייזט אויס, בין אים פאַרט געווען געפעלן.
נישט אומזיסט פלעגט ער אזוי ווי אַ שטיר־אָקס מיך באַפאַלן,
אזוי ווי אַ לייב פלעגט ער זיך איינבייסן אין לייב מיינעם דעם שווארצן.
אוי, — האָט זיך דער ניגער מיינער דאַן געקלאַפּט אין הארצן,
אוי, — איז ער דאַן אין זיין שטייג אזוי ווי אַ טיגער אומגעלאָפן.
זאָל מיך גאָט איצט פאַר די רייד מיינע ניט שטראָפן —
ער איז אויך געווען אַ יונג מיט ביינער;
דאָך געקאָנט האָט ער בלויז קריצן מיט די ציינער
דער ארעמער, דער שווארצער ניגער מיינער.

אַזוי זאָגט אויך דער באַטלער, דער איינאויגיקער,
אַט דער, וואָס מיט די ווייסע שעפּסענע, געקרויזטע האָר
און מעשן אוירינגל אין אויער.

— דו, מיין האַר,
זאָלסט גיין אין זיידנס װעגן, —
וועט מאַזל־בראָכע קומען דיר אַנטקעגן.

בלוטן רעגן.
אַ מאַיסעלע שוועבט אויף אין זיין זיקאָרן
פון ווייטע, שטיפערישע, קינדער־יאָרן —
ביי פייערן אין וואָנט־אויוונס צעלייגטע.
געשיכטעס פון דער דינערשאַפט דערציילטע.

„און דער קעניג האָט געשיקט אַף אַלע וועגן,
דאָס וואָרט פון אַלע קישעף־מאַכערס פרעגן"...

בלוטן רעגן.
צוויי פּענימער פאַרהאַרטעוועטע שטייען אים אַנטקעגן,
מיט גרויסע, שפּילעוודיקע, קינדער־אויגן,
שטייען זיי דעם טויט אַזוי אַנטקעגן,
מיט לעצטן שמייכל איבער מויל־ווינקלען פאַרצויגן.

בלוטן רעגן.
שוואַרצע וואָלקנס רוקן זיך פון אַלע ברעגן.
שאָטנס וויקלען זיך אין קנוילנדיקן שווייגן:
העי! — איר, זשאַנדאַרן וואַלסטריטער!
ווער וועט איצט צעעפענען די שטייגן
ווי אין אַלטן רוים אַמאָל —
פאַר לייבן אויסגעהונגערטע צום פרעסן
קנעכט, — וואָס האָבן גאָטס געבאָט פאַרגעסן?

בלוטן רעגן.
פּאַכעד לויערט שטום אין טרייפן מאַמזערישן בליק.
שפּאַן פאַראויס, שפּאַן צוריק,
איימע לאָקערט אונטער נעט־געפרעסטן פראַק.
כאַטש נעם און שטעל אַזוי ווי ס'אידל פון נעצערעס אויס די באַק;
כאַטש נעם און טראָג די אויצרעס זיי אַנטקעגן.

בלוטן רעגן.
בלאַסער ציטער איבער גלאַטע יענקי באַקן
שפּאַרט אַקשאַנעם פון א רויטן האַלדז־און־נאַקן —
„ניים דעי טודעי״:
ה—ם—ם—ם, — פּליי;
סינע, —
האַם געקליבענער אין יענקי־דודל לענדן
וועט נישט אַפּווענדן,
נישט אַפּווייכן א טראַט, אַז איין־און־איינציקן
פון היינקערס אויסגעלייגטן,
אַף נאַסן אויסגעפּויקטן,
סאַם־האַמאַוועסדיקן פּלאַט.

**
*

נאַכט.
פון ווייטער ווייט — דערטראָגן איצט זיך לעצטע גסיסע קרעכצן.
איין ריזיק מויל ;
איין ריזן־קנויל הילט איין דיך איצט אין שווארצן.
פון ברעג צו ברעג,
פון דעם פּאַסיפיק ביז צו דעם אַטלאַנטיק,
גייט אויף אצינד אין נייַנצן־זיבן־און־צוואַנציק,
פון דיינע ריכטער און געלערנטע פּראָפּעסאָרן
קייענס צייכן, — אויסגעברענט אַף דוירעס און אַף יאָרן ;
איין שווארצער פלעק, איין פינצטערע יערידע :
מ א ס ע ט ש ו ז ע ט ס !

**
*

נאכט.
איין ריזיק אויג;
איין ריזן־אויער האט א לעצטן גרויל פארנומען:
א ו מ ג ע ק ו מ ע ן!
איין ריזיק הארץ האט זיך אין כאשכעס דיינער אפגעשטעלט
אף גאר דער וועלט.
אזוי ווי א בליץ שניידט דורך א שטורעמדיק געוויטער,
אזוי האט איצט איין ריזן־לייב געטון א ציטער
פון לאנדן — ביז קאלקוטא.
פון מאסקווע — ביז כארבין.
איין האלדז געברום; איין שטורעמדיק וואולקאן־געשריי;
פון כינע און יאפאן — ביז טשילי און האאיטי:
ס א קא ו ו א נ ז ע ט י!

**
*

נאַכט.
פּלייש פון אונדזער פלייש,
ביין פון אונדזער ביין,
פון אונדזער אייגן קנאַכיק לייב
די אומגעבראַכטע לעבנס אַט די צוויי, —
נישט די לעצטע זענען זיי.

נאַכט.
אַף דיינע גאַסן לויכטן איצט מיליאָנען לאָמפּן,
מיט העלן ליכט רעפּלעקסטו איצט דיין וואַקכאַנאַליע טאַנץ;
מיט העלן ליכט אַנטפּלעקסטו איצט דיין פינצטערן נעצאַכן,
און צירסט זיך בוצפּעדיק אין לאַרבער קראַנץ.

נאַר וויס, דו נאַכט,
אַף אייביק דו פאַרשאָלטענע;
פון אונטער כורוועס טורעמט זיך אַן אויסגעשמידטער ווילן.
פון אונטער צוואַנג אַ ריזן־האַנט זיך שפּרייט.
און ס'איז פאַר יעדן גאַסן־לאָמפּ אַן האַלדז שוין אָנגעגרייט,
און קלינגען, קלינגען וועט נאָך לאַנג אונדז אין די אויערן
דיין שפּאָס דער טרייפענער: „ניים דעי טודעי".
נאַכט פון ניינצן צוואַנציק זיבן, אווגוסט צוואַנציק צוויי.

אין ליכטיקן אויפשטייג.

שווארצע טונעלן, קעלער־פאַדוואַלן,
שוין צייטיק דער אויפברויז אין ארבעט־קוואַרטאַלן.
איין ליכטיקער אויפשטייג פארברידערט אונדז ברייט,
איין וואונדיקער בלוט־שנור אף גאסן זיך שפרייט,
איין וואונדיקער בלוט־שנור אף גאסן זיך שפרייט.

אין וואונדיקע ווייען עס שפאַנען ארמייען;
עס שפאַנען די ברידער אין שטאַלענע רייען.
מיט האַמער און סערפ קעגן וועלט זיך געווענדט,
אין אייגענער גוואורע אליין זיך דערקענט,
אין אייגענער גוואורע אליין זיך דערקענט.

אין רייכע פּאַלאַצן, אף ווייכע מאַטראַצן,
די לעצטע כאַלוימעס מאגנאטישע פּלאַצן.
איין גיפטיקע סינע אין לייבער פארזייט,
איין פינצטערן אומקום אליין זיך פארגרייט,
איין פינצטערן אומקום אליין זיך פארגרייט.

כאַווירים געטרייע, צום קאַמף פאר באפרייאונג!
שטייט אויף איר מאַרטירער פון קלאַסן צעטיילונג.
עס רופט אונדזער צאַרן, עס מאַנט אונדזער נויט,
צום קאַמף צו דעם לעצטן אף לעבן און טויט,
צום קאַמף צו דעם לעצטן אף לעבן און טויט.

אַף דזשאַן'ס טויט.

דער יונג, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון יעדער נויט,
קאַלזמאַן די הענט זענען נאָך שטאַרק און דער פּאָנעם רויט;
קאַלזמאַן די גלידער פּולוועך געלאַדן פול מיט שרויט,
און ס'איז פון אַלטקייט נישט געדונצלט נאָך די הויט.
דער יונג, וואָס האָט בייטאָג מיט זיינע מוסקולן מויערן געבויט,
און אין אָוונט יעדן בייזיצער אין שיינק מיט ביר געפּאַיט.

דער יונג, —
וואס האָט זיך שפּעטער אויסגעלערנט צו שפּייזן אַפן לויט,
און טעג און וואָכן גאַנצע אָפּגענאַרט דעם מאָגן מיט פּאַראַיפּעשט אַלטן קרויט.

אָט דער יונג, דער פּאַשעטער,
וואס האָט זיך איינמאָל אויסגעצויגן אַזוי לאַנג, און אַזוי טרוקן ווי אַ קנויט,
און אָפּגעוואָרט די גסיסע זיינע ביי אַ פּרעמדן אומבאַקאַנטן פּלויט —
נאָכדעם, ווען פון יעדן מיסט־קאַסטן, פון אונטער לעצטן הויפן קויט,
איז פאַרשוואונדן שוין דאָס דאָר פאַרשימלט שטיקל ברויט:

אױף דזשאָן׳ס טױט,
האָב איך אָפּגעװײנט אַ כּוידעש צײט קעסײדער.
אַזױ װי אַמאָל בײַ יוסף׳ן — דאָס מײסעלע פֿון כּײהער, —
האָב איך אַצינד צום צװײטן מאָל געגעבן זיך אַ נײדער:
טױט! — צו די װאָס טראָגן זינד מאַסקירט אין שעפּסן־קלײדער.

דזשאָן, ברודער מײנער,
פֿון דער טיפֿסטער טיף טו איך צו דיר רופֿן.
דו, װאָס האָסט אױף זיך שױן אױסגעפּרואװט דעם טאַליענס לעצטע שטראָפֿן,
דו, װאָס האָסט זיך לאַנג שױן אױסגעלײזט פֿון זאַטנס פֿרומע אײיצעס,
דו, װאָס טראָגסט ביז איצטער נאָך אַלײן אױף דײנע פּלײצעס
דאָס בינטל האָלץ — גרײט פֿאַר דער אקײדע —
פֿאַר דיר. פֿאַר דיר בין איך זיך מײדע.

כאוועד מיינער,
ס'האָט דאָס לעבן אויפגעפרעסן אונדז דאָס ביסל פריינדשאַפט.
געננוג! זאָלן אַט די ווערטער מיינע דינען פאַר דערקענטשאַפט;
סיי ווי ווערט שוין דער וואוילער יונג וואָס צילט אין פרעמדע שויבן,
נישט פאַר מיר, און נישט פאַר דיר, דאָס היטל זיינס נישט הויבן.
סיי ווי ווערט שוין דער באַנק־קוועטשער וואָס טרייבערט זיינע וויצן,
נישט מיט מיר, און נישט מיט דיר, אַף איין ביינקל זיצן.
מיר וועלן שוין דאָס טעלערל דאָס ליכטיקע פון הימל
קיינמאָל מער נישט אָנקוקן — אפילע נישט אין דרימל.
ס'האָט ביי אונדז דער אַשמעדאי ארויסגענאַרט דאָס קוויטל,
וועלן מיר שוין אייביק אַזוי אומגיין אָן אַ היטל...

הער מיין פריינט:
איך וויל פאַר דיר אַ סאָד אַצינד דערקלערן —
אַ סאָד, וואָס אַלע לעבעדיקע מעגן אים שוין הערן.

— ס'האָט דער ווינט אַ שטויב אַמאָל פאַרטראָגן צו די שטערן;
אַ שטויב, אַ פּאָשעטע, מיט פּראָסטע ערדישע מאַניערן,
האָבן זיך צעוויקלט ערדישע באַגערן,
האָבן קויכעס מעכטיקע גענומען דאָן זיך מערן.
האָבן ווילנס ליכטיקע צעצונדן רויען שטאָף,
האָט פון פּראָסטן ליים אַרויס געפּלאַצט דער ערשטער רוף:
וו———ע———ר———ן!

פון יענעם טאָג — לויכטן בײַנקשאַפטן אַרויס פון קאַלטע ספערן;
פון יענעם טאָג — יאָמערן אין צאַפּן לאַנד די ווײַסע בערן;
פון יענעם טאָג — קײַקלען אַף דער ערד זיך מענטשנס טרערן.

פאַרוואָס־זשע איז מיר פאַרט באַשערט אין אָט דעם וויסטן „מיטן",
אײנײנעם מיט דעם ביטערן נאַר, זיך שליטלען אין אײן שליטן?
פאַרוואָס־זשע בין איך פאַרט מיט דיר ביז איצט נישט אין אײן לאַגער?
ווער ווייסט — עפשער פרעגן דעם פּאַיאַץ וואָס גראַגערט מיט'ן גראַגער,
עפשער פרעגן בײַ דעם לעץ וואָס טרובעט אַף טראָמפּייטן,
אָט דער, וואָס פּריידיקט אויסלײַזאַכץ צווישן פּוסטע קלייטן,
און עפשער בײַ דעם אינגעלע מיט די געלאָקטע האָר
וואָס כאַלעמט אין זײַן ווינקעלע ביז איצט נאָך אויף דער וואָר —
פון פּוטער־ברויט, פון ראָסל־פלייש, פון באָסמאַלקעס און קווייטן,
און אויך פון נאַרעס־באַוועל־טענער אַף וואונדערלאַכע פלייטן...

באַשערט געווען א מאַיסעלע פון בייסהאַמעדרעש צייטן;
באַשערט געווען פון דעמאָלט אָן צו בלייבן מיר פון ווייטן...
באַשערט געווען, — עס איז געשען, און מ'איז געבליבן לעבן;
אַט פונקט אזוי ווי אין פּאַסעק האָט מען אָנגעשריבן —
„יעדער איינער פאַר זיין שווערד, יעדער פאַר זיין בויגן".
באַשערט געווען א מענטשן צו פאַרבלענדן זיך די אויגן...

געבענטשט זאָל זיין דער פּראָסטער טאַם וואָס ווילט נישט קיינעמס וועגן.
אַט דער וואָס ווייסט נאָך נישט דעם טאַם פון זוכן און פון פרעגן,
אַט דער וואָס גייט נאָך פּאַשעט סטאַם, זיין אייגן קאָל אַנטקעגן,
און דער שמייכל פון א לאַם — איז זיין גאַנץ פאַרמעגן.

געבענטשט איז אבער בלויז דער כאַם מיט דעם פאַרצוקטן שטערן.
אַט דער וואָס ווייסט ניט קיינעמס קלאַם, וואָס זעט ניט קיינעמס טרערן,
אַט דער וואָס טראָגט אין זיך דעם סאַם פון גיפטיקע באַגערן,
און לעבן ווייסט ער איז אַ יאַם — פאַר אים בלויז צום פאַרצערן.

די נויט האָט לאַנגע, שאַרפֿע ציין. דער יאָם האָט אויבעט ברעגן.
איז מיר באַשערט ווייזט אויס געווען ביז איצט אַף מיטן־וועגן —
נישט אַהער, נישט אַהין. וויסטע קאַשעס פֿרעגן.

ברודער מיינער, —
וויפֿיל נויט, וויפֿיל פּיין טראָגט אַ מענטש נישט איבער?
קיינער איז ביז איצטער נאָך זיין שאָטן נישט אַריבער;
קיינער האָט ביז איצטער נאָך אַליין זיך נישט פֿאַראַטן —
ביינקט זיך מיר נאָך יענע רייד פֿון יענע פֿראָסטע יאַטן,
נאָך דער נישט געפּוצטער פֿרייד פֿון די אויסגעפֿראַוווטע כוואַטן,
וואָס גייען אום צעבראַסטעטע, מיט העמדער אָן קראַוואַטן,
און קרעמפּעווען ביז איצטער נאָך די לענדן מיט שפּאַגאַטן.
אַט די, וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעגעט פֿון מאַמען און פֿון טאַטן,
וואָס זיצן איבער גאָר דער וועלט געקאָוועט אונטער גראַטן
און זינגען לידער שטאָלענע, געהאַמערטע קוואַדראַטן;
ווערטער — קוילן גליאיקע, ווי טרעפֿנדע גראַנאַטן.
וואָס כאָלעמען באַלוימעס פֿון צעוויקלטע פֿלאַקאַטן,
און וואַרטן אַף סיגנאַלן פֿון צערעוועטע האַרמאַטן.

ביינקט זיך מיר —
נאָך יענעם קוואַל וואָס שלאָגט נאָך אין דער נידער
דאָרט, וואו נאָך אַ שווערן ארבעט-טאָג, איינס פון צווייטן מידער, —
שלאָפט דער טאַטע, שלאָפט די מאַמע ,שלאָפן דעמבעס ברידער;
איינס ווי איינס, מיט נאַקנס ברוינע, האָר באַדעקטע גלידער,
און כאַלעמען כאַלוימעס קרעפטיקע פון ווייבער און פון קינדער,
פון רויער ערד צעאַקערטער, און פּראסטע, וואָכעדיקע ארבעטס-לידער.

ביינקט זיך מיר —
נאָך דעם קוואַרטאַל וואו אין אַ זומער טאָג אַ הייסן
אָטעמט מען פון אייגן ליבּ די הארעפּאַשנע שווייסן.
דאָרט, וואו קינדער ווייסן אַלץ וואָס גרויסע דאַרפן ווויסן,
דאָרט, וואו גרויסע טראָגן נאָך אַ קינדערש ריין געוויסן —
ביינקט זיך מיר.

וואָלט איך געוואָלט —
מיט ווערטער הילכיקע איצט ריידן
פון טעג מיינע אין קלאַם פון ביינקשאַפטן געבונדענע;
פון נעכט מיינע אין פלאַם פון ליבּ מיינעם צעצונדענע;
פון האַפענונגען ליכטיקע
אין יעדן גליד מיינעם פארשלאָסענע,
און פון גלויבנס טליענדע — מעטאַארן פליענדע,
אין ווּיסטער איינזאַמקייט פארלאָשענע —
וואָלט איך געוואָלט איצט ריידן און דערציילן.

נאר כ'וויים — מיינע רייד,
ווי די אפגענארטע פרייד מיינע וואס טליעט נאך אין מיר,
ווי אלץ וואס האמערט נאך, וואס קלאמערט פאר מיין טיר,
ווי אלץ וואס בינדט מיך נאך צוזאמען איצט מיט דיר,
און אויך מיט די וואס האבן לאנג מיסטאם פארגעסן שוין אין מיר.
אז אלץ וואס איז געווען אמאל צו אויפלויכטונג באשערט,
האבן טעמפע וואגל־טריט צעטראטן און פארשוועכט.

איך וויים —
עס וועט דאס ווארט מיינס פאלן איצט אף פרעמדע צוגעמאכטע אויערן,
ווי עס פאלט אמאל אף שווערע צוגעהאקטע טויערן
דאס לויערן פון א וואלף א הונגעריקן,
אין קאלטע, ווינטערדיקע צאפן־נעכט.

איך ווייס —
אַז איצט ביסטו גערעכט.
אַז איצט איז נישט קיין צייט דאָס מאַזל צו באַקלאָגן;
אַז איצט, — וואַרטן אַף מיר טפּיסעס, וואַרטן אַף מיר טליעס,
וואַרט אַ שווערד אין זאַטן בויך אַריין צו שלאָגן.

איך ווייס —
און דעריבער וועל איך שווייגן.
און דעריבער וועל איך מער זיך נישט באַקלאָגן.
נאָר מיט שאַרפן מעסערדיקן עמעס אין די אויגן
קוקן: ווי עס לעשט זיך אויס אַ מענטשנס לעצטער כאַלעם.
און ווי שווערע וואָלקנס שוואַרצע וואָס קומען פאַר אַ שטורעם,
אַזוי וועלן אַדורכשטראָמען, פאַרביי מיין אויג צערינען
די טעג און נעכט ביז איצטיקע, וואָס האָבן זיך געפלאָנטערט אַז אַ זינען;
דאָס געוויין פון אַלע פריערדיקע נישט דערלייזטע שטאָמען
אין האָס, אין פיין געקליבענעם, איבער אַלע יאָמען;
אַלע אויסגעביינקטע, ווינט-צעווייטע טרוימען —
ווי קנוילן רויך וואָס שפּאַרן זיך צום הימל דורכן קוימען.

איך ווייס —
אין אונדזער לאַנד רויעט נאָך אַז אומבאַהאַלפֿן ברומען,
ווי דער טעמפּער הילף געשריי, דאָס ברילן פֿון אַ שטומען:
ווערטער קנוילן, סנאָפּעס רייד אין וואַגל־וועג פֿאַרהאַלטן,
ווי דאָס טאַפּטשען איבער שניי אין אַ ווינט אַ קאַלטן.
ווי דאָס קלעטערן אַף בערג אין אַ טאָג אַ נאַסן, —
דאָס געוויין: „רענס—אַל—ליין”, איבער טויטע גאַסן.

פֿון צייט צו צייט שניידט דורך מיין לייב אַזאַ מין שאַרפֿער ציטער;
שפּיר איך דאַן דאָס אָנקומען פֿון יענעם בייזן געוויטער
וואָס וועט אַף אייביק אויסוואָרצלען די רואיקע געמיטער.
שפּיר איך אונטער זיך די טריט פֿון יענעם גרויסן היטער,
וואָס גייט מיר נאָך אַף יעדן שריט, לעגיו, דו מיין ריטער.
ווייס איך דאַן אַז כ׳וועל פֿון זיך שוין קיינמאָל נישט אַנטלויפֿן,
אַז איך וועל קיינמאָל נישט זיין דער קלאָון פֿון פֿרעמדע הויפֿן.

אַף דזשאָן׳ס טויט האָב איך אָפּגעוויינט אַ כווידעש צייט קעסיידער.
אַזוי ווי אַמאָל ביי יוסף׳ן — דאָס מאַיסעלע פֿון ביידער, —
האָב איך אַצינד צום צווייטן מאָל געגעבן זיך אַ ניידער:
טויט! — צו די וואָס טראָגן זינד מאַסקירט אין שעפּסן־קליידער.

געבאָט.

און די —
וואָס קאָנען זיך ניט איינשרימפּן;
די, וואָס קאָנען זיך ניט בויגן ווען ס'איז נויטיק,
וואָס וויסן ניט צו טראָגן פּראַקשנט זייער ווייטיק.
די, וואָס קאָנען זיך ניט מינערן צום קלענסטן ווארעם,
וואָס קאָנען זיך ניט טיילן אין אַטאָמען
און זענען נאָר אַ שטרויכלונג צו די פיס
פון די וואָס דאַרפן קומען.

און די —
וואָס וואַקלען זיך,
וואָס טראָגן שווייגנדיק בייטאָג זייער אומרו,
און ביינאַכט, פאַרפלאָנטערטע אין פינצטערע כאַלוימעס,
ריידן זיי פון שלאָף אָף די געלעגערס.

און די —
וואָס שלעפּן זיך נאָך אינם לויף פון די טעג,
וואָס קאָרטשען די קני אונטער זיך אין פרימאָרגן,
און פאַרנאַכט, פאַרמאַטערטע פון זאָרגן,
שלאָגן זיי אויך אַנדערע אַרויס פון וועג;

די —
זאָלן צעטראָטן און באַזייטיקט ווערן.
אָמיין!

אָפּענע וואונדן

ג.

די צעשטערער פון דער וועלט
הוליעט שקלאַפן
נעקאָמע
אַף אַלע וועגן
א קריסטמעס נאַכט
זיכרוינעס
אין דעם לאַנד פון די קאַרליקעס
נישט דאָ געדאַכט
אַטערייסע
עס שמייכלט מעפיסטאָ
(סאָנעטן רינג)

די צעשטערער פון דער וועלט.

צום אייביקן לעבן, צום אייביקן ליבן,
האָט גאָט געבענטשט די וועלט.
און האָט דיר אַלע אויצרעס פון זיין פּראַכט אַנטפּלעקט,
און האָט דיר אַלע סוידעס פון זיין מאַכט אַנטדעקט,
און האָט דאָס אַלץ אין דינסט פאַר דיר געשטעלט —
מענטש, — צום אייביקן לעבן, צום אייביקן ליבן.

און דו —
מענטש, — אומווירדיקער.
אַלע אויצרעס פון זיין פּראַכט האָסטו צעשטערט,
אַלע סוידעס פון זיין מאַכט האָסטו פאַרשוועכט,
און געשטעלט האָסטו דאָס אַלעס זיך אַנטקעגן, —
צום אייביקן האַסן, צום אייביקן קריגן.

הוליעט שקלאפן.

הוליעט שקלאפן! הוליעט קנעכט!
פרעגט נים קיינעם, גוט צי שלעכט,
פיל דאס הארץ גלוסט, — קוילעט, שעכט,
שטארק זענט איר, — זענט איר גערעכט.

זעט איר אלטע, שוואך און גרוי;
זעט איר אינגל, מיידל, פרוי.
אלץ איז העפקער, — ווינט און שטרוי,
מענטש און טיגער — איין געבוי.

מענטש און טיגער, ביקס און שווערד,
איר האט זאטע, פלינקע פערד.
פארבט זשע רויטער נאך די ערד,
פארבט אף רויט די ווייסע בערד.

פארבט איין גרויסן שווארצן פלעק,
אומעטום: פון עק צו עק.
איר האט לאנגע, שארפע העק,
מיר, — נאר צארן, צאר און שרעק.

מיר, — נאָר פּאַכעד אין די ציין.
און ווי טויטער, קאַלטער שטיין
שניידט זיך איין אין פליישׁ און ביין,
אזוי וועט זיין אונדזער געוויין.

אזוי וועט זיין דאָס אייכאַ־ליד
וואָס גייט אונדז נאָך אַף שריט און טריט ;
אַ שפּיז אין ליַיב פון שטאָל וואָס גליט —
און שטום איז מענטש, און טויט איז איד.

און טויט זאָל זיין אין בויך דאָס קינד
וואָס טראָגט די זאָם פון אייער זינד.
און טויט זאָל זיין אויך דער וואָס בלינד
טראָגט דעם בראָך זיינעם אַצינד.

אַט דער וואָס האָט אַף מענטש פארשווערכט,
און האָט געגעבן מאַכט צו קנעכט.
און ווי צו דעם וואָס האָט גענערט
מיט אייגן ליַיב די האַנט וואָס שעכט.

נעקאָמע.

וועלט, —
אין די טעהוימעס פון מיין איך
טראָג איך דיינע עקדעשן און שלאַנגען,
און שפּרייט זיי איבער אַלע דיינע וועגן,
צו אַלע דיינע פינצטערע פאַרלאַנגען.

און דורך די שפּאַלטן פון מיין מארך
פליסן אַלע יאַמען פון דיין גיפט,
אין אַלע דיינע ברונעמער און קוואַלן,
צו סאַמען דיינע בלוטן און געהירן.

ווייל שווארץ זענען די וועגן דיינע, וועלט,
און טויטע אַלע טרוימען פון מיין נעכטן.
און אויף די כורוועס פון מיין היינט
פלאַקערן די פלאַמען פון דיין מאָרגן.

אַף אַלע וועגן.

אויף אַלע וועגן זיינען אויפגעשלאָגן צלאָמים.
קומען וואַנדערער פון איבער ווייטע יאמען —
וועט אַ שטילע פרייד אַ ליכט טאָן זיי אין פּאַנעם,
וועט אַ שטילע בראַכע איבער אַלע וועגן שוועבן,
וועט אַ שטילער כאַלעם זייער מאָרגן וועבן.

אַף אַלע וועגן זיינען אויפגעשלאָגן צלאָמים.
ברודער מיינער! —
ווער וועט דיר אַנטקעגן קומען?

אַף אלע וועגן זענען אויפגעצויגן פּאַנען.
גייען מענטשן ברויט און פרייהייט מאָנען;
איז אַ טרייסט פאַר יעדן איינציקן פאַראַנען —
ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען
וועט ער קיינעם ניט פארשעמען.

אַף אַלע וועגן זענען אויפגעצויגן פּאַנען.
ברודער מיינער! —
ווער וועט זיך אָן דיר דערמאָנען?

ברודער מײַנער, —
פֿון די קלײ־קוידעש דײַנע
לויכט אַראָפּ די פֿרייד פֿון באָסער־קאַשער.
טאַנצט אַ נאַקעטע די קדושע דיר אַנטקעגן
אױף אַלע װעגן.

פֿון די געמאַרקן דײַנע
שרײַט אַראָפּ די קלאָלע פֿון קשיי־אוירעף.
שפּאַנט דער דאַלעס אום אין טאַלעס און אין טפֿילן
אױף אַלע שװעלן.

פֿון דײַנע גאַסן־ראַגן
װוּנקט דער טויט אַראָפּ מיט בעלמעדיקע אויגן
צום טאַקט פֿון בלינדן קאַסטן־שפּילערס ניגן —
„ראַזלוקאַ״.

ברודער מײַנער! —
װער קאָן אָפּװענדן די האַנט
װאָס הייבט זיך אויף אױף זיך אַליין?

עפּשער דער געשטאַפּטער טשאַלנט־קישקע פּרעסער,
וואָס טראָגט אַ בויך מיט כאַזער־שמאַלץ פון אים אַליין באַלד גרעסער,
וואָס הערט נישט אויף צו קוועטשן זיך און פינטלען מיט די אויגן
פאַר יעדן פּראָסטן שאַבעס־גוי וואָס קומט אים נאָר אַנטקעגן ?

עפּשער דער געשטראָפּטער אונטערפּרעסער,
וואָס טראָגט דעם סאָד פון אויסלייזונג אונטער זיבן שלעסער,
וואָס ווייסט דעם גאַנצן קאַרל־מאַרקס פון קאַרל־מאַרקס'ן בעסער,
און זעט נים ווי דער הויקער זיינער וואַקסט פון טאָג אַלץ גרעסער ?

און עפּשער גאָר, צו אַלדי שוואַרצע יאָר,
דאָס בלאָנדע שיקסל מיט די גאָלד געלאָקטע האָר,
אַט די וואָס מיט די דורכזיכטיקע, אויסגעטאָקטע פּיס,
וואָס רויכערט זיך דאָס ליולקעלע דאָס קליינטשיקס אַזוי זיס
ביי דיין גאָט־געבענטשטן קינסטלער אָפן שוים ?

ברודער מיינער, —
אָפן ראַנד פון דיינע נישט דערוועבטע טרוימען
ליגט דיין עלטער־זיידנס לויכטנדיקער נאָמען :
אַ פ אַ ר ש ו ו ע כ ט ע ר...
וועט פאַרפרעמדט ווערן די שפּראַצונג פון דיין זאָמען,
וועט דיר אומעטום אַנטקעגן קומען
דאָס וויסטע כוצפּעדיק געלעכטער
פון אַ בלאָנדן מאַמזער־גאָט צו זיין בסולעדיקער מאַמען.

אַ קריסטמעס נאַכט.

אין דרויסן נעמט א פרעסטל,
אין גאַס איז כמורנע־שטיל.
אין אַ רינשטאָק, שיקער,
וואַלגערט זיך אַ'ניל.

זינגט ער פון א מיידל,
אויגן — הימל־בלוי,
וואָס וועט אַף אים וואַרטן
ביזן מאָרגן־גרוי.

אין גאַס איז קאַלט און פינצטער,
אין דרויסן פרעסט די קעלט.
אין אַ רינשטאָק, שיקער,
ליגט אַ'ניל און שעלט.

שעלט ער גאָט און טייוול,
שעלט ער זיך אליין, —
קלאָגט זיך אַף אַ מיידל,
ווי גאָטס־מאַמע שיין.

אין גאַס איז נאַס און קויטיק,
אין דער היים איז קריסטמעס היינט.
אין אַ רינשטאָק, שיקער,
ליגט אַ'ניל און וויינט.

ערגעץ אין אַ שטיבל
צינדט עמיץ פאַר אים
רויטע, בלויע, ליכטלאַך
אויף א קריסטמעס־בוים.

ברענען זיך די ליכטלאַך,
און די נאַכט זיך ציט.
שאַ נאָך שאַ פאַרגייען,
און ער קומט אַלץ ניט.

ערגעץ אין אַ שטיבל
זינגט עמיץ אַ ליד.
ערגעץ איז אַ מיידל
וואַרטנדיק שוין מיד.

באַרג אַרויף

שטייט זי ביי דעם פענצטער,
קוקט אַרויס פאַרטראַכט.
פאַלן הייסע טרערן
אין אַ קאַלטער נאַכט.

ערגעץ אין אַ שטיבל
וויינט אַ מיידל שטיל.
ערגעץ אין אַ רינשטאָק
וויינט אויך ביל אַ'ניל.

זיכרוינעס.

פון יוגנט, פון ליבע, פון זוניקע טעג,
ציט זיך אַן אַלטער פאַרלאָזענער וועג.
שאַרן זיך איצטער נאָך טריט פון אַמאָל,
און ווערן פאַרשלונגען אין נאַכטיקן טאָל.

דאָרטן אין טאָל, ביי דעם ברעג פון אַ טייך,
הייגנט אַף אַ שטיבל אַ זאַקן, אַ דאַך.
זיצט דאָרט אין שטיבל אַ מענטש איינאַליין
און קייעט זיכרוינעס מיט יאַסלעס אַן ציין.

קייעט און קייעט, — „אַמאָל איז געוועזן":
פאַרגעסן דעם אָנהויב, די ענדע — ניט שיין.
שטריקלט דער שטריקער פון זיך שוין אַליין,
לעצטע באַלוימעס פון זיין און פאַרגיין.

שטריקלט דער שטריקער פון זיך שוין אַליין
אַמאָל איז געוועזן — אַ יאַ מיט אַ ניין.

אין דעם לאַנד פון די קאַרליקעס.

אין דעם לאַנד פון די קאַרליקעס
איז פינצטער —
נישטאָ קיין טאָג.
אַ זון — אַ פינטעלע,
קוים, קוים,
אַ לויכט — און אויס.
בלויז די נאַכט איז גרויס.

אַ נאַכט —
אַ לאַנגע, אַ פינצטערע,
אַזוי ווי אַ גרויסע, שוואַרצע שמאַטע.

לויפן ווינטן ;
פּאַטשן מיט די פּאָלעס זיך אין הינטן.
סאַראַ שׂימחה, סאַראַ פרייד,
שמאַטע האָט אַף מענטשן זיך צעלייגט.
שמאַטע וויקלט זיך אַלץ העכער, העכער,
שמאַטע קנוילט אַ קנויל אַריבער דעכער.

אײַן גרויסער שוואונג —
שמאַטע װעט פאַרטיליקן אי אַלט, אי יונג;
שמאַטע װײַזט דער גאַנצער װעלט א צונג...
װאופּפּי!
אויס — שמאַטע בלויז.
נ י ש ט אָ קײן מענטש!
בלויז ש מ אַ ט ע.

שמאַטעס שווייגן.
שמאַטעס ליגן אײַנגעוויקלט, שטום.
אין דעם לאַנד פון די קאַרליקעס
איז מען זייער, זייער פרום.
דאָרט באַטאַפּט מען זיך אַליין אין די פּרימאַרגנס,
צי מ'איז נאָך נישט געװאָרן קײן באַל־מום...

דוירעס קומען;
דוירעס גײען רוען אין גאַניידן.
אין דעם לאַנד פון די קאַרליקעס איז פינצטער;
נאָך פאַרמאַכט די לאָדן...

אין דעם לאַנד פון די קאַרליקעס
שלעפּט מען נאָך זיך נאָך די יאָרן,
ווי טרייבערערס מעבערעסע נעווײלעס...

טעג
אויף טעג.
נעכט אויף נעכט.
ווי מוראַשקעלאָד —
איינציקווייז די שטויבן.
ווי מוליארעס די ציגל אויף א בנינעז —
איינס אויף איינס, צוויי אויף צוויי,
העכער, העכער, נאָך העכער, הויך.
דאָס אויג פון קאַרליקל קאָן קוים דעם שפּיץ דערגרייכן.

זענען אויסגעוואַקסן טורעמס
פון טעג אַזוינע, פינצטערע, פאַרגליווערטע.
אַזעלכע מוירעדיקע, שפּיציקע געביידעס —
לעקן מיט די שפּיצן־צונג די וואָלקנס:
הא, — גוט. א מ ע כ א י ע.

מיט די טורעמס
וואַקסן ביי די קאַרליקעס די נעז.
עמעסע, בעקאָוועד־גאַדלדיקע נעז.
נעזער, — אַ סעקאַנעס,
מיט סמיכעס אַף ראַבאַנעס . . .
יעדע נאָז — אַ טורעמל פאַר זיך,
אַז אייגן מאַקעם קאָדעש,
מיט אייגענע טאַקאַנעס ;
אַזוי ווי אַ טכויר לעהאַוודל
האָט זיך זיינע אייגענע קאַוואָנעס . . .
וואָס קלענער ס'איז דאָס קאַרליקל —
אַלץ גרעסער איז די נאָז.

נאָר אַז אין דעם לאַנד פון קאַרליקעס
איז אַלץ נאָך פינצטער.
אַז מ'האַלט ערשט דאָרט אין פּראַווען שאַלעסודעס,
קאָן מען דאָך די נאָז כּאַלילע אינמיטן גאָס צעשלאָגן,
און ס'וועט ניט זיין אפילע וועמען צו פאַרקלאָגן . . .
האָט מען אויסגעקנאָטן קליינטשינקע לעוואָנעס,
ווי שפּילקע קעפּלאַך, בלויז אַף אַ לעצאַנעס ;
אַף שפּינוועב־שטריקלאַך אומעטום צעהאַנגען —
די פינצטערניש אַזוי אַרום צו פאַנגען.

לויפן ווינטן;
פּאַטשן מיט די פּאַלעס זיך אין הינטן:
א—הו—ו—הו, א—הו—ו—ו,
קיין האַפּענונג, קיין אויסוועג איז נישטאַ.
קייקלט זיך אין נאַכט אריין א וואַקכאַנאַליע־שאַ,
א לעצטער גוישעסדיקער ציטער; —
העי! — ר י ט ע ר!
פון קאַרליק לאַנד געשוואוירענע באַהיטער,
אין קאַרליק־לאַנד פון קאַרליקעס געניטער;
שפּליטער, — גליטער, — צ י ט ע ר!
האַסט אַף אייביק שוין פאַרלוירן דיינע גיטער.
איין גרויסער שוואונג!
שמאַטע וועט פאַרטיליקן אי אַלט, אי יונג;
שמאַטע ווייזט דער גאַנצער וועלט א צונג...
וואופּפּי!
אוים — שמאַטע בלויז.
נישטאַ קיין מענטש!
בלויז — ש מ א ט ע.

נישט דאָ געדאכט.

ווי, ווי, —
אַז אַ באָכער איז שוין ווייט איבער די דרייסיקער,
און איז נאָך אַלץ ניט קיין באַווייבטער —
נישט דאָ געדאכט.

פון זיבן צעבערס
פולע, דרייצן רייפיקע,
אנגעלאדענע מיט באכערשע כאַלוימעס,
טריפט ארויס דער לעצטער טראָפּן מאַנצביל
אַף צעקנייטשטע זוינעסדיקע העפקער־פּאַלעס,
און אַף שטילע ווייבלאַד פרומע, באַשיידענע מיט אַלע מאַילעס,
און אַף צניעסדיקע קאַלעס ווייטע, נישט דערוואַרטע.
(אזוינע, נאָר אין לאַנגע, אומעטיקע ווינטער־נעכט פאַרטראַכטע.)
און אַמאָל, אין אַ רעגנדיקער שאָ פון אַ כאָגע־טאָג אַ גרויסן,
אין אַ צוגעדריקטן ווינקל פון אַ שטאָטישן טראַמוואַי,
אַף אַ צוגעקוועטשטער, ציטערדיקער קני
פון אַ הייליקער מאַנאַשקע נעבעך, ווי איז מיר.

ווי, ווי, —
אַז אַ באָכער איז שוין ווייט איבער די דרייסיקער,
און איז נאָך אַלץ נישט קיין באַווייבטער —
נישט דאָ געדאכט.

אטערייסע.

און אז גאט האט דיר שוין יא געהאָלפן,
און דו הייסט שוין מער ניט „מאטיע דאס,—"
טא וואס זשע שווייגסטו, וואס?

טו דעם טאלעס דיינעם אפן קאפ דיר אן,
און עלנבויגנס האסטו דאך געזונטע,
אזוי, פון אייביק אן.
טא שפאר זיך צו צום אמעד אויבן אן,
און מיט ביידע הענט דיינע דערלאנג א קלאפ, —
ש א ר א פ! — הויב אן:

אטא — הארייסא — לאדאאס,
קי אדע, — אדע, — א ד ע,
א דענעכפע זאל אייך כאפן;
ווי איר הערט נישט אויף צו קלאפן,
ווי איר הערט נישט אויף צו קריכן אף די גלייכע ווענט,
אט ווי די טוירע וואלט זיך דארט אין אייך צעברענט.
סמארקאטשעס וואס איר זענט.

און מיטן גראבן פינגער דיינעם פארשטאָפּ דיר איין זייט נאָז,
און מיט דער צווייטער זייט דערלאַנג אַ בלאָז —
אַט ווי דער שויפער שעל מאשיאך.
און זאָל מען טאקע וויסן דאָרטן אויבן —
ווער ס׳איז ווער, און וואָס ס׳איז וואָס,
אז דו, ביסט שוין ניט דער אלטער „מאטיע דאס,"
נאָר דער שיינער איד, רעב מאָרדכע באַלעבאָס.

און אַז דו וועסט אהיים קומען פון שול, פארקנאקטערייט,
זאָלסטו אויסרופן צום ווייב דיינעם מיט סימכאָס־טוירע פרייד:
בענציע ביניע! — קייסעריניע מיינע שיינע,
האָסט אַ מאַן, אַ פּרעזידענט אין שול.
שוין גאָט צו דאנקען נישט אזוי ווי אמאל
געבירעט ביי יעבילעקן אין שטאָל, איניינעם מיט די פערד,
אַז בירען זאָל ער דאָרטן שוין אין דר׳ערד
צום נייעם יאָר, — אַ בראַנד אף דיר, — געדיינקסט?
בענציע ביניע! — דו אלטע פּאַדלע איינע,
האָסט אַ מאַן אַ פּרעזידענט אין שול.

און שפּעט ביינאַכט, —
ווען דו ווערסט שוין כראָפּען מיט דער ווייב דיינער אין בעט.
צעווירענע פון טאַיווע-זעט.
וועט מיסטאַמע דיר זיך כאָלעמען אַז דו ביסט לאַנג שוין טויט.
און ווי די שלאַנג טוט אויס זיך פון איר הויט,
אַזוי האָסטו שוין לאַנג זיך אויסגעטון פון זאָרג און נויט.
און אַז אַ שטול אַ גאָלדענער
איז אין הימל שוין פון לאַנג פאַר דיר פאַרגרייט,
וועגן דעם איז דאָך געווים נישטאָ קיין רייד.
נאָר אַף דיין קיווער ווי איז דיר,
זיצט ביז איצט נאָך בלינדערייט,
די אַלטע גויע וואָס דו האָסט אַמאָל צעליינגט,
אַפן סאַמע מיטן טראַקט...
און ———קאַנאַליע!
טפו, — נעווילע דו.

עס שמייכלט מעפיסטאָ

.1

יארן — זיי קומען און ווערן פארשוואונדן.
ווי עס פארשווינדן אין אלטער פון צייט —
די טפילעס די שטילע, פון ארעמע־לייט
וואס טראגן באליידיקטע זייערע וואונדן.

ווי עס פארשווינדן און ווערן פארגעסן
די טרוימען פון מענטשן וואס האבן געלעבט
אין צייטן, ווען ס'האבן פאעטן געוועבט
מאיסע־לעגענדעס פון פרינץ און פרינצעסן.

פון יענעם געבענטשטן גאניידן פארטריבן
האט לאנג שוין דעם מענטשן — די ערדישע נויט;
עס האט נאך די שלאנג אף זיין לייב אויפגעשריבן:
„אין שוויים פון דיין פאנעם זאלסט עסן דיין ברויט".

עס האט זיך קיין מאלעך, קיין גאט נישט געמיט, —
מענטש האט זיין גוירל אליין זיך געשמידט.

2.

מענטש האָט זיין גורל אַליין זיך געשמידט —
אַזוי ווי אַז אַקס אינם אַקער ביים פויער,
אַזוי האָט ער שטום אין פאַרגליווערטן דויער,
דעם ווילן פון האַר זיינעם היילִיק געהיט.

אַזוי האָט דער שמידער אַז אויפהער געשמידט
אין קוזניע ביים פייער, די שווערד און דעם האַמער;
אַזוי האָט געפּוסטעוועט אייביק די קאַמער
פון שניטער, וואָס שניידן פאַר פרעמדע דעם שניט.

אַזוי האָבן דוירעס געבויגן די קעפּ,
געשטילט די באַגערן מיט קלויסטער־געזאַנגען;
געטראָגן דעם פּריסטער אַהיים פולע טעפּ,
פאַר זיך בלויז געלאָזן די טרוקענע זאַנגען.

לאַנג האָט דער פּריסטערשער גלויבן געבליט —
איצט גייען מיר אַלע מיט וואַקלענדע טריט.

3.

איצט גייען מיר אַלע מיט וואַקלענדע טריט
אין שפּאַן פון סעקטאַנטישע קלויסטער־געבאָטן;
אַזוי ווי עס גייט אין אַ צירק איבער דראָטן
דער קלאָון, מיט באַהאַלטענעם שרעק אין געמיט.

אַזוי ווי עס גייט מיט פּאַוואַלינקע טריט
אין קלויסטער־פּראָצעסיעס נאָך דער איקאָנע —
מיט יאָרן באַלאָדן — אַן אַלטיטשקע נאָנע,
וואָס האָט דורך די נעכט אירע בסולים געהיט.

אַזוי איז געגאַנגען אויך דער יעזואיט
באַגלייטן זיין קאָרבן צו דער אינקוויזיציע;
אַזוי גייט ביז איצטער נאָך דער פּאַראַזיט
וואָס פּריידיקט צום אַרבעטער־קלאַס קאָאַליציע.

אַזוי גייען אויס ביי מאַרטירער די שטונדן —
ציילן ציילט קיינער נישט מער זיינע וואונדן.

.4

ציילן ציילט קיינער נישט מער זיינע וואונדן,
דער כעשבן איז פּאַשעט, שוין אַלעמען קלאָר:
עס ווערט נאָך ביז איצט נישט געמינערט קיין האָר
פון יענעם וואָס זיצט ביי דעם טיש ביי דעם רונדן.

פון יענעם וואָס טראָגט מיט דאָס טעפּעלע לינזן
סיי אין פּאַרלאַמענט און סיי אין פאַבריק,
און אויף דער קאַטעדרע וואָס אַרבעט פון שטיק,
צו טאָפּלען אַלץ מערער און מער זיינע צינזן.

עס ווערט ניט געמינערט קיין איינציקע פּרוטע
פון יענעם וואָס טרייבט זיין פּראָפּיט־געיעג;
אַללאַס! — דו ביסט איינער, דער גאָט פון וואַליוטע,
און ווי איז צו יענעם וואָס שטייט דיר אין וועג.

אויף שטאָטישע מערק, און אויף בירזשעס צעשאָטן,
ליגן דעם מענטשנס באַלוימעס צעטראָטן.

5.

ליגן דעם מענטשנס כאַלוימעס צעטראַטן, —
דעם אולטראַ־עסטעט אַט דאָס בילד עס געפעלט:
ליגט קעגן זון אַזאַ ליכטיקע וועלט,
ארום און ארום ווי אַרינג — — — — — פּאַלעמיאַטן.

ליגן די טוירעס — אויף פּאַרמעט געשריבן,
פאַרשוועכטע — דער אַלט און דער ניי־טעסטאַמענט;
אַזוי ווי אַמאָל, ווערט אויך איצטער פאַרברענט
דאָס שענסטע וואָס איז נאָך פון דוירעס פאַרבליבן.

ליגט קעגן הימל די פּיס אויסגעצויגן —
די מענטשישע בכירע — — — דער הינטישער ביין;
ליגט מיט פאַרשטאַכענע, קורוועשע אויגן,
און שטשירעט צו גאָט אירע גאָלדענע ציין.

אַ וואָרט אַ פאַרשאָלטנס, אין האַרצן עס פּיקט:
איז שוין דער קעמפער דער לעצטער באַזיגט?

6.

איז שוין דער קעמפער דער לעצטער באזיגט?
איז אונדז באשערט שוין צו זיין די סימבאלן
פון הילפלאזע קנעכט און זשאנדארן־פאטראלן, —
צו האלטן די מאסן אף אייביק צעקריגט?

איז אונדז באשערט שוין צו זיין ווי דאס טייג
אין האנט פון דעם בעקער־גזלן דעם געניטן, —
צו שפייזן די וועלפישע רויב־אפעטיטן,
מיט טאינעס פון רעכטן און לינקן פארנייג?

ווייסט דאך שוין איצט אויך דער לומפ און קאדעט:
די פינצטערע גוואורע פון הערשנדע קלאסן, —
זי ליגט שוין ניט מער אין דער ביקס און באגנעט,
נאר אין צעשפליטערטן טראט פון די מאסן.

אז ס'ווייסט קיין ראכמאנעס ניט יענער וואס זיגט —
ווייסט שוין דאס קינד נאך אין וויג ווען עס ליגט.

ד.

וויסט שוין דאָס קינד נאָך אין וויג ווען עס ליגט,
אַז העפקער ווי שטויב איז דעם אַרבעטערס לעבן;
אַז קיינעם ווערט קיין זאַך אַן קאַמף נישט געגעבן, —
אַז אים האָט קיין מאַלעך אהער נישט געשיקט.

ער וויסט עס און פילט עס מיט קינדערשן כוש:
ער קוקט אויפן טרוקענעם פּאָנעם זיין טאַטנס —
און וויסט אַז עס זיינען די פויסטן דעם זאַטנס,
נישט ווי דער מאַמעס א ליכטיקער קוש.

ער פילט עס שוין איצט אויף זיין קינדערשער הויט:
עס האָט שוין נישט איינמאָל די מאַמע באַהאַלטן
דאָס שטיק אַלט־געבאַקענע נעכטיקע ברויט —
אַז מאָרגן זאָל אויך זיין דעם גוף צו דערהאַלטן.

ער וויסט — אַז אויך ער איז אין טאַטן געראַטן,
אַז אים איז צו כאַלעמען אויך שוין פאַרבאָטן.

8.

אז אים איז צו כאלעמען אויך שוין פארבאטן, —
וואס זשע זאל טון איצט דער מענטש מיט זיין צאר?
אז וועלט־באלעבאס — איז דער פּלייסיקער נאר,
וואס לעבט אפן כעשבן פון מענטשנס באנקראטן.

אז אים איז צו כאלעמען אויך שוין פארבאטן, —
שטייט ווי א גאנעוו ביים גאסן־פאנאר
דער קונסט־ווירטואז, מיטן יונג פון בולוואר,
און מעסט די קולטור מיט דער מאס פון באנקנאטן.

אז ס'איז צו כאלעמען אויך שוין פארבאטן, —
גלעט זיך דאס בייכל אצינד דער מאגנאט;
ער ווייסט אז עס זיינען פון איין טייג געקנאטן:
באנקיר און פּראפעסאר און קונסט־מעצענאט.

אזוי ווי געשפּענסטער פון נאכט־וואגאבונדן,
יארן — זיי קומען און ווערן פארשוואונדן.

.9

יאָרן — זיי קומען און ווערן פֿאַרשוואונדן,
און ס'הייגען נאָך איצטער אויף נאַקעטע ווענט
אין אָרעמע שטיבער פֿון נאָסן צעמענט —
פֿאַרהייליקטע בילדער פֿון וועלט־וואַגאַבונדן.

עס שטייען ביז איצט נאָך אויף שטאָטישע סקווערן
שוין פֿון דער באַפֿרייטער סאָוועטישער ערד,
ווי אויף בייז־וואונדער, מיט ציילעם און שווערד —
פֿאַרשטיינערטע אײַדעס פֿון בלוט און פֿון טרערן.

נאָך שטייט מיט זיין ציילעם וולאַדימיר דער טויפֿער,
נאָך זיצט דאָרט כמעלניצקי ביז איצט אויפֿן פֿערד;
עס לאַכט פֿון דעם ציילעם דער יונגינקער קויפֿער
און גלעט מיט די אויגן ביים ריטער די שווערד...

א וואָרט פֿון קויהעלעס אין אויער מיר קלינגט:
די צייט — אַלע טרוימען דעם מענטשנס פֿאַרשלינגט.

.10

די צייט — אלע טרוימען דעם מענטשנס פארשלינגט.
פון געטעס, פון ניטשעס, — די ריינסטע קאוואנעס,
געבליבן — א היטלער־געשטאנק, און קארבאנעס.
ביי גאט! זאראטוסטרא: —דער איבערמענטש שטינקט...

געבליבן איז איצט מוסאליני — דער העלד.
עס האט אויך פילסודסקי געפוצט זיך אין רויטן;
ווי לאנג? — דוכט זיך נעכטן ערשט האט איבער פלויטן
געקלונגען זיין רוף צו דעם פויער אין פעלד.

ערשט נעכטן איז טראצקי געשטאנען אין שפיץ
פון פרייהייט־ארמייען, — דער העלדישער פירער;
עס האט דאן געווארפן אין קעלט און אין היץ
די זאטע, באזויפענע וועלט־פראפיטירער.

איצט טראגט ער אליין פון מארטירער די וואונדן,
— ווי אין היפנאז פון א קישעף — געבונדן.

.11

ווי אין היפּנאָז פון א קישעף געבונדן
ראַנגלט זיך ראַטן־פאַרבאַנד מיט דער נויט;
עס שטייט א פאַרטאַיעטער לאַנג שוין דער טויט
און וואַרט אף די לעצטע אַגאָניע־שטונדן . . .

עס פאַלן ווי שטיינער ווי שווערע די לאַסטן
אף מענטשלאַכן לייב, ווי אף אײַזערנער וואַנט;
אזוי ווי אף שווימענדע שיפן די מאַסטן,
אזוי איז ביים מענטשן די פאַן אין דער האַנט.

עס פאַלן ווי שטיינער ווי שווערע די לאַסטן, —
נאָר אַלע ווי איינער, און איינער ווי צען,
אזוי ווי געפאַנגענע זעלנער אין פלען —
גרייט אויך אויף ווייטער צו בויען און פאַסטן.

וועלט איז מיט קנעכטישער מי — אין קאָנפליקט;
ווערט איצט א מענטשהייט פון וואַנזין דערשטיקט.

.12

ווערט איצט אַ מענטשהייט פון וואַנזין דערשטיקט,
אַזוי ווי מיט אייזערנע רינגען געוואָרגן;
ביים ראַנד פון אַ העלן צעליכטיקטן מאָרגן —
ווערן אי קרוינען, אי פאַנען צעפליקט.

ווערן פּאַלאַצן און טעמפּלען פאַרוויסט, — — —
צייל קאַפּיטאַל! — דיינע לעצטע סעקונדעס;
פון בלוט־קאַרניוואַל און פון קלויסטער־רעטאַנדעס — —
צום וועלט־טריבונאַל, גייט פאָראויס דער מאַרקסיסט.

צום וועלט־טריבונאַל גייט אין וואונדן די מאַסע,
אין רויטן־פינאַל פון אַ לעצטן פאַרמעסט;
געדיינק האַניבאַל: — פאַראַן בלויז איין ראַסע,
פון מאַרקס און פון ענגלס בלויז איין מאַניפעסט.

לעצטע קאַשמאַרן פון בלוט־רויטע וואונדן, — —
ווי מעטעאָרן אין כאַשבעס צעצונדן.

13.

ווי מעטעאָרן אין כאַשכעס צעצונדן,
אַזוי זענען וואונדן אַף מענטשלאַכן לייב;
און ווי צו אַ קראַנקער פאַרעלטערטער ווייב,
אַזוי איז דער מענטש צו זיין צייט צוגעבונדן.

אַזוי איז דער מענטש צו זיין צייט צוגענאַגלט,
ווי יעזוס צום ציילעם אַף קלויסטערשע ווענט;
עס האָט נאָך ביז איצטער נישט קיינער דערקענט
דעם נאָווי וואָס האָט מיט'ן הובל געהובלט.

— דעם סטאָליער וואָס האָט מיט אַ שטעקן פאַרטריבן
פון טעמפּל דעם הענדלער אין ווייסן כאַלאַט,
און איז אַזוי בלוטיק-איראָניש פאַרבליבן:
דער גאָט און דערלייזער — — פאַר דעם וואָס איז זאַט...

אַזוי ווי געפּענטעטע ריזן — אין וואונדן,
יאָרן — זיי קומען און ווערן פאַרשוואונדן.

.14

יארן — זיי קומען און ווערן פארשוואונדן.
נאר עס פארשווינדט ניט דאס ברידער־געפעכט,
וואס האט שוין אף אייביקע דורעס פארשוועכט
פון ארבעטער־קעמפער די לעצטע סעקונדן.

— וואס האט אונדזער ליבע צום מענטשן פארשפיגן,
און גלויבן פון הארצן געמאסטן „פער־אינטש״;
וואס האט אונדז דערפירט צו דער כאכמע פון לינטש —
אין וויסטן געפלאנטער פון עמעס און ליגן.

עס שמייכלט מעפיסטא צו זיך אין זיין דרימל,
און ס׳גלעט זיך דעם פופיק דער גאט פון פראגרעס;
פארוואקסן מיט מאך איז פון לאנג שוין דער הימל,
עס ווארט שוין איצט קיינער נישט מער אף קיין נעס.

אזוי ווי ביי קראנקע אין גסיסע די שטונדן,
יארן — זיי קומען און ווערן פארשוואונדן.

.15

יאַרן — זיי קומען און ווערן פאַרשוואונדן.
מענטש האָט זיין גורל אַליין זיך געשמידט;
איצט גייען מיר אַלע מיט וואַקלענדע טריט,
ציילן ציילט קיינער נישט מער זיינע וואונדן.

ליגן דעם מענטשנס באַלוימעס צעטראָטן, — —
איז שוין דער קעמפער דער לעצטער באַזיגט?
ווייסט שוין דאָס קינד נאָך אין וויג וועז עס ליגט
אַז אים איז צו באַלעמען אויך שוין פאַרבאָטן?

יאַרן — זיי קומען און ווערן פאַרשוואונדן,
די צייט — אַלע טרוימען דעם מענטשנס פאַרשלינגט;
ווי אין היפּנאָז פון אַ קישעף געבונדן —
ווערט איצט אַ מענטשהייט פון וואַנזין דערשטיקט.

ווי מעטעאָרן אין באַשבעס צעצונדן,
יאַרן — זיי קומען און ווערן פאַרשוואונדן.